№ 24 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

22-סטער יאהרגאנג | 28 stycznia 1929 r. | מאָנטאָג, י"ז שבט תרפ"ט | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 86. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 37, פון אדמיניסטראציע 47

מ'נ. סקלאַדקאָווסקי'ס געצוואונגענער וויזיט אין לאדז

אויפ'ן וועג קיין קעמפנע איז ער אונטער זגערזש געבליבן שטעקן אין שניי און קוים דערשלעפט זיין אויטא צו אונז אין שטאט

דער אינגערן-מונגסטער סקלאדקאווסקי איז נעכטען פרוה ארויסגעפאהרען פון ווארשא אויף אנ'אויטא קיין קעמפנא. הינטער זגערזש איז דער אויטא געבליבען שטעקען און שניי און זיך נישט געקענט רוהרען פון ארט. עס האט געווארט א הויפש בוסעל צייט, ביז מען האט דעם אויטא געקענט וויטער זעצען און בעוועגונג אויף דעם געדולט פאר וויעהעטען וועג, אבער פון דורכמאלען אזא חיימע שטרעקע קיין קעמפינע האט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד. דער מיניסטער האט דעריבער אויפגעגעבען זיין פרוהערדיגען פלאן און איז ארומגעפאהרען קיין לאדז, וואו ער האט זיך אפגעשטעלט אין גראנד-האטעל.

דער וואיעוואדע יאשטשאלט מיט נאך אנדערע הויכע בעאמטע פון דער ארטיגער מאכט און פון דער פאליציי זענען תיכף פארפאהרען צום גראנד-האטעל צו בעגריסען דעם אומגעריכטען גאסט ביי אונז אין לאדז. נאך א געמיינזאמען מיטאג האט דער מיניסטער מיט זיי אפגעהאלטען א קורצע קאנפערענץ און 7.20 א. י. ער צוריקגעפאהרען קיין ווארשא. (§)

121 חלוצים פאהרען היינטיגע וואך פון ווארשא קיין ארץ-ישראל

ווארשא, (טעלעפאניש) היינטיגען דינסטאג און מיטוואך פאהרען אפ פון ווארשא קיין ארץ-ישראל 121 חלוצים. די חלוצים וועלען פאהרען איבער טריעסט. אין דער שיף וועלען זיי איינשטייגען דעם 31. יאנואר. אלע חלוצים האבען דא בעקומען א געהעריגע הכשרה און אין ארץ-ישראל וועלען זיי בעשעפטיגט ווערען ביי די פלאנטאציע-ארבייטען.

חלוצים פון רומעניען אפגעפאהרען קיין ארץ-ישראל

בוקארעסט, 27 יאנואר (י.ט.א.) פון רומעניען זענען אפגעפאהרען קיין ארץ ישראל 80 חלוצים, וועלכע האבען פריהער בעקומען א געהעריגע הכשרה אין רומעניען.

znów się pojawiła.
Należy mieć się na baczności i przy pierwszym objawie przeciwdziałać. Najwierniejszym sprzymierzeńcem są prawdziwe

tabletki
Aspirin.

Oddawna znane te tabletki usuwają i łagodzą bóle głowy, przeziębienia, a przez ożywienie krwiobiegu uniemożliwiają wystąpienie grypy, a tem samem i gorączki.
Należy zawsze żądać tabletek Aspirin w oryginalnem opakowaniu z czerwoną banderolą i zarejestrowanym znakiem „Bayer".

Sprzedaż BAYER w aptekach

מזל טוב!

פיל גליק, נחת און פרייד ווינשען מיר אונזער ג' עהרען-סעקרעטאר פון דער מעטאל-סעקציע איי פערוואלטונגס-מיטגליד

ה' חיים לעווקאוויטש און פרוי

צום געבורט פון זייער ליבען זוהן. מיט אונזער הייסען וואונש פון גליקליכע ערציהונג צייכענט מיט דרך ארץ

דער קאמיטעט און די פערוואלטונג פון מעטאל-סעקציע

ביים צענטר. האנדווערקער-פערבאנד חי"ל

אונזער פריינד

יהושע אינפעלד

צו זיין חתונה מיט פרל.

עדזשא זאנדבערג

א הארציגען מזל-טוב

י. ב. גיפס
י. אבערזשאנעק
ה. ל. כרוי

אונזער פערוואלטונגס-מיטגליד פרוי ס. וואלפיש צוליב'ן טויט פון איהר אונפערגעסליכען מאן

נ"ע **שמואל**

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

די פערוואלטונג פון וועכנערין-קליניק „לינת-החולים"

אכטונג בעקער-מייסטער, לאדז

היינט מאנטאג, 6 א זייגער אווענד קומט פאר אין איינענעם לאקאל וואכאדניא 57 א דרינגענדע פערזאמלונג פון אונזערע מיטגלידער מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) בעריכט פון דעלעגאציע אין מיניסטעריום וועגען די קהעכסט-אנירטע בעקערייען, 2) די לאגע אין פאך, 3) וועגען הייסען מעהל, 4) וועגען מכאניזאציע, 5) קאסע-בעריכט, 6) פארשידענעס.

צוליב דער וויכטיגקייט פון טאג-ארדנונג בעטען מיר, אז קיין איין מיטגליד זאל נישט פעהלען

די פערוואלטונג פון בעקער-מייסטער-פעראיין.

אנאנסירט נאר אין „לאדזער טאגעבלאט"

נאך שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר אונזער ליבע און גישט-פערגעסענע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, אור-גרויסמוטער, שוועסטער און טאנטע

נ"ע **מלכה ציג זלבער, גליצענשטיין** פון 1-טען מאן

געבוירענע גלימסמאן פון זגעזש. די לויה קומט פאר היינט מאנטאג י"ז שבט תרפ"ט 12 א זייגער מיטאג פון טרויער-הויז זאכאדניא 49 א. וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינדין

מאניא הילף

מיט ה' שלמה שעראדזקי

ווינשען פיל גליק

געניא ניימאן.
חיים שמולעוויטש.

Dr. M. ELIASBERG

כירורג

פיעטריקאווער 65, טעל. 17-87

פון 4—5, נעמט אן יעצט אויך אין לעטשניצע "VITA", פיעטריקאווער 45 פון 7—6.

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA

גדאנסקא 28, טעל. 41-46

ספעציאליסט פון ביינער און געלענקע-קראנקהייטען
:—: פערקרימונגען פון פליצעס און גלידער. :—:

אייגענע פר יצאוניע

און זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען: ווי וויקלאדקעס ניצען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטן א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

Dr. med. N. Jelenkiewicz

Zawadzka 23, tel. 46-75

נעמט אן פון 5.30 ביז 6.30, נעמט אן יעצט אויך אין לעטשניצע "VITA", פיעטריקאווער 45 פון 7—8. אינערליכע קראנקהייטען (ספעציעל הארץ-קראנקהייטען).

Dr. Ludwik Rapeport

P. Narutowicza 25 (דזיעלנא) Tel. 44-1

ספעציאליסט פאר נירען, בלאז- און הארן-קראנקהייטען

Dr. Niewiażski

האט זיך איבערגעצויגען

אויף אנדזשעיא 5, טעל. 59-40

נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אווענד. ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען. פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.

וועד ווערט אריין אין דער יודישער אגענץ פון די נישט ציוניסטען אין פוילען?

ווארשא (טעלעפאניש) היינט פארמיטאג איז פארגעקומען די זיצונג פון די 85 פערזאן וואס זענען אויסגעקליבען געווארען אויפ'ן לעצטען ציוניסטישען פארטיי-ראט מכח פעסטשטעלען די פארטרעטער פון די נישט-ציוניסטען אין פוילען אין דער פערברייטערטער יודישער אגענץ:

Dr. med. A. Mazur

ספעציעל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער

האט זיך איבערגעצויגען אויף

הסכאדניא 65

איינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46, טעל. 66-01

אחרי מחלה קצרה וכבדה שבקה חיים לכל חי האשה החשובה והמפורסמת במעשיה הטובים נ"ע

מינדל צפורה דאבּושינסקי

(אשת המנוח החזיר ר' חיים זשערנאווער ז"ל) בשנת השמונים ושתים לחיי'
ההלוי' למנוחת עולמים תהי' היום יום ב' י"ז שבט בשעה 12 בצהרים מבית-האבל רחוב נובומיסקה 20.
אודות האסון הגדול הזה מודיעים בצער עמוק:

בנה, בנותי', נכדי', וניני'

פריוואטע טאנץ שולע פון די נייסטע **טענץ**

דיפל. לעהרער י. וויינטרויב

נעמט אן איינשרייבונגען אויף איינצעלנע לעקציעס ווי אויך אין קאמפלעטען יעדען טאג פון 10 פריה ביז 10 און

44 קילינסקיעגא 44

2-טער הויף פארטער

די לעקציעס קומען פאר אונטער דער פערזענליכער לייטונג פון י. וויינטרויב

בעמ. אסיסטענט — רוטינירטער טענצער זשאן-קינג

Dr. med. A. Uryson

אינערליכע קראנקהייטען. — ספעציאל-ארצט: מאגען, דארם- און לעבער-קראנקהייטען

קאנסטאנטינער 20, טעל. 35-85

נעמט אן פון 3—5 נאכם.

Dr. Wołkowyski

צעגיעלניאנא 25

טעלעפאן 26-87

ספעציאל-ארצט פאר הויט-, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע. אלע-ארט אנאליזע נעמט צבעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
ן פון 8—10, 12—2 און 4—8 אווענד. באזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 71 יאהר

נ"ע **מרים לאה** אשת ר' חיים יוסף נ"י **עדעלבוים**

די לויה קומט פאר היינט מאנטאג, י"ז שבט, 12 מיטאג פון טרויער-הויז פולנאצנא 23, וועגען וואס ס'טיילען מיט די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

מאן, זיהן, טעכטער און אייניקלעך.

שטורמישער מיטינג פון „עת-לבנות" אין ווארשא

געוואלדיגער טומעל בעת דער רעדע פון ד"ר רייך.—פאליציי טרייבט פונאנדער דעם מיטינג

לאנד-צוזאמענפאהר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע — דעם 31-טען מערץ

ווארשא (טעלעפאניש) נעכטען זונטאג איז אין זאל פון קאנסערוואטאריום פארגעקומען א מיטינג פון „עת-לבנות". ווען פארזיצער לעווינזאן עפענט דעם מיטינג הויבט דער עולם אן צו טומלען און עס הערען זיך אויסרופען „זאל לעבען גרינבוים!", „נידער מיט רייכ'ן!". דער טומעל דויערט א לענגערע צייט. די איינארדנער פון מיטינג זענען געצוואונגען אריינצורופען פאליציי אין זאל און דאן ערשט בערוהיגט זיך דער עולם.

פארזיצער לעווינזאן האלט א קורצע ערעפענונגס-רעדע און דאן רעדען ד"ר ראזענבלאט, ד"ר הינדעס און ד"ר גאטליב. ביי גאטליב'ס רעדע ווערט ווידער א טומעל אין זאל, אבער ער ענדיגט ווי עס איז זיין רעדע. דער עכטער טומעל און סקאנדאל הייבט זיך ערשט אן בעת עס בעווייזט זיך אויף דער טריבונע ד"ר רייך. אין זאל ווערט א געוואלדיגער האר מידער, מען לאפט אין די בענק, מען פייפט און מען שרייט: „נידער מיט רייכ'ן", מיר ווילען איהם נישט הערען! ד"ר רייך שטעהט א דערנערווירטער אויף דער טריבונע און יעדעס מאל ווען ער וויל אנהויבען רעדען ווערט אזא רעש און געטומעל, אז מען הערט נישט א ווארט פונ'ם רעדנער. זעהענדיג, אז דער טומעל הערט אלס נישט אויף, ווערט דער מיטינג פונאנדערגעטריבען דורך דער פאליציי.

זיצונג פון ציוניסטישען אויבער-ראט

ווארשא. (טעלעפאניש) נעכטען איז פארגעקומען א זיצונג פון ציוניסטישען אויבער-ראט. עס איז בעשלאסען געווארען צונויפצורופען די לאנד-צוזאמענפאהר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע קיין ווארשא דעם 31. מערץ.

זיצונג פון דער אגענץ-קאמיסיע

ווארשא (טעלעפאניש) אונטער'ן פארזיץ פון ה' לעווינזאן איז נעכטען פארגעקומען א אגענץ-קאמיסיע, וואו עס איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען דער פוילישער פערטרעטערשאפט אין דער פערברייטערטער אגענץ. קיין בעשלוסען זענען לעת עתה נישט אנגענומען געווארען.

אלפוילישע ציוניסטישע קאנפערענץ וועט פארקומען דעם 31 מערץ אין ווארשא

ווארשא (טעלעפאניש) אין דער וואוינונג פון פרעזעס פון ציוניסטישען צ. ק. ה' מ. לעווויטע איז פארגעקומען א זיצונג פון צייטוועליגען ציוניסטישען אויבער-ראט מכח דער אוניפיקאציע פין דער ציוניסטישער בעוועגונג אין פוילען. אין דער בעראטונג זענען אנוועזענד געווען פערטרעטער פון קאנגרעס-פוילען, מזרח און מערב-גאליציען און ווילנא.

עס איז איינשטימיג בעשלאסען געווארען אדורכצופיהרען די אוניפיקאציע. די בעראטונג האט בעשלאסען צונויפצורופען דעם אלפוילישען ציוניסטישען צוזאמענפאהר אויף דעם 31 מערץ ה. י. די קאנפערענץ וועט פארקומען אין ווארשא.

אונפארטייאישע ציוניסטען פאר ווייצמאנ'ען און פאר גרינבוימ'ען

ווארשא (טעלעפאניש) אין אקאדעמישען היים איז נעכטען פארגעקומען א פערזאמלונג פון די אונפארטייאישע ציוניסטען, אויף וועלכער עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע צו בעגריסען ד"ר ווייצמאנ'ען צוליב זיין ארבייט פאר דער פערברייטערטער אגענץ און יצחק גרינבוימ'ען פאר זיין פאליטישער טעטיגקייט אין פוילען. עס איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיטעט, אין וועלכען עס געהען אריין די ה"ה מאר קערנער, סענ. ראוונזאהן, נח פינקלשטיין, מ. מונדעלמאן א.אנד.

—0—

אמאנולאה'ס זיגרייכער מארש אויף קאבול

לאנדאן (סב.) פון קאבול מעלדעט מען, אז אמאנולאה געפינט זיך 70 ק"מ פון קאבול. ער האלט אם טסדר'דיגע נצחונות אובער האבו בו-לאה'ס אפטיילונגען. פיל פארשטעהער פון די שבטים מעלדען זיך צו אמאנו-

געוואלט ערמארדען טראצקי'ן
ער אנטלויפט פון רוסלאנד און בעזעצט זיך אין לאנדאן.

ריגא (כב.) פון מאסקווא מעלדעט מען, אז דארטען האט זיך פערשפרייט א קלאנג וועגען א געפלאנטען אטענטאט אויף טראצקי'ן. דער אטענטאט איז ענטדעקט געווארען דורך א צופאל.

ווינא (א.ח.) דער לאנדאנער קא- לאה'ן און ערקלערען זיך גרייט צו שטיצען אוהם און קאמף.

רעספאנדענט פון „נייע פרייע פרעסע" מעלדעט, אז אין קאנסטאנטינאפאל ווערט אין די נאהענטסטע טעג ערווארט טראצקי צוזאמען מיט זיין פאמיליע.

טראצקי זאל האבען בעקומען פון דער סאוויעט-רעגירונג אנ'ערלויבניש צו פערלאזען רוסלאנד. פון קאנסטאנטינאפאל זאל טראצקי פאהרען קיין לאנדאן.

א געדיכטער שניי אין ארץ-ישראל

ירושלים (יט"א) אין ארץ-ישראל איז געפאלען א געדיכטער שניי. אין גאנצען לאנד הערשט א גרויסע קעלט. דאס גאנצע הויכלאנד פון יהודה איז בעדעקט מיט א געדיכטען שניי.

אמינולא'ס זעלנער אין אייראפעאישע מונדירען מארשירען אויף קאבול

א נייער געזעץ-פראיעקט וועגען אויסלענדער אין פראנצויזישען פארלאמענט

פארין (יט"א) די רעפובליקאנער פראקציע, פיער קא, אלבערט סעראל א. אנד. האבען אריינגעטראגען א נייעם געזעץ-פראיעקט וועגען אויסלענדער אין פראנצויזישען פארלאמענט. לויט דעם געזעץ-פראיעקט אונטערליגען די פרעמדע אינטערעסאנטען, וועלכע וואוינען אין פראנקרייך די זעלבע געזעצען, וואס די פראנצויזישע בירגער, זיי טארען נים דעפארטירט ווערען פון דער פראנצויזישער טעריטאריע בלויז דורך אנ'אדמיניסטראטיווער פעראָרדנונג. דאס געריכט האט דאס רעכט צו דעפארטירען פון פראנקרייך בלויז פערברעכער, אזעלכע, וואס זענען פערמשפט געווארען צו מער ווי 3 חדשים תפיסה.

געשטארבען דער בעקאנטער יודישער דיריגענט
און דירעקטאר פון דער קעניגליכער מוזיק-שול אין מאנטשעסטער

מאנטשעסטער (יט"א) דא איז געשטארבען אין עלטער פון 77 יאהר דער דירעקטאר פון דער קעניגליכער מוזיק-שול אין מאנטשעסטער ד"ר אראלף בראדסקי. אראלף בראדסקי איז געבוירען געווארען אין טאגאנראג (רוסלאנד). נאך א לענגערן מוזיקאלישען שטודיום אין ווינען, איז בראדסקי צוריקגעקומען קיין רוסלאנד, וואו ער איז פערעכענט געווארען צו די גרעסטע דיריגענטען. ד"ר בראדסקי איז מיט גרויס ערפאלג ארויסגעטרעטען אלס דיריגענט אין דייטשלאנד, פראנקרייך און אמעריקא. זינט 34 יאהר האט ד"ר בראדסקי פערנומען דעם פאסטען פון דירעקטאר פון דער קעניגליכער מוזיק-שול אין מאנטשעסטער.

דער נציב-העליון פון ארץ-ישראל דריקט אויס זיין סימפאטיע פאר'ן „קרן-היסוד"

ירושלים (יט"א) דער נציב-העליון פון ארץ ישראל סער דזשאן טשענסלאר האט אויפגענומען דעם דירעקטאר פון „קרן-היסוד" ד"ר האנטקע און דעם גענעראל - סעקרעטאר ה' לאָא הערטא. אין משך פון געשפרעך האט דער נציב העליון אויסגעדריקט זיין סימפאטיע פאר דער טעטיגקייט פון „קרן היסוד".

די לויה פון חזן ר' גרשון יאסעלעוויטש

נעכטען פארמיטאג איז פארגעקומען די לויה פין פערשטארבענעם אלטשטעטישער חזן גרשון יאסעלעוויטש. אין דער לויה האט זיך בעטייליגט א עולם פון א פאר טויזענד, מ'רוב מתפללים, פון דער אלטשטעטישער שוהל, צווישען וועלכע דער פערשטארבענער איז זעהר בעליבט געווען. אויפ'ן בית-עולם האט דער חזן אלטערמאן געמאכט אנ'אל מלא רחמים און עס זענען געהאלטען געווארען אייניגע הספדים.

—0—

פון דער ים-ליגע

אין בעריכט פון דער גענעראל-פערזאמלונג פון דער ים-וואסער - ליגע איז אריינגעפאלען א טעות. חוץ די ביי אונז שוין אויסגערעכנטע זענען אין דער נייער פערוואלטונג פון דער ליגע אויך געוועהלט געווארען די ה"ה ריכטער פ. לצוואטש' פעליקס סמיעטשקא סרל. פייסער און ח. וואנגע — אלס סעקרעטער.

תיקון טעות

אין בעריכט פון דער גענעראל-פערזאמלונג פון יתומים-הויז (זגערזשער 40) איז אריינגעפאלען א טעות; אין דער פערוואלטונג איז אויך געוועהלט געווארען ה' העכשפינעל. אין דער רעוו. קאמיסיע די ה"ה: צינאמאן, גוטמאן און איזראעלעוויטש.

קויהלען, קויהלען, קויהלען... שרייען די ארימע לייט אבער די „אגודה" האט צייט

נעכטיגע זיצונג פון קהלה-ראט זיך ווידעראמאל געענדיגט מיט גארנישט

(:) די נעכטיגע זיצונג פון קהלה-ראט איז אויסגעפאלען פיל שטורמישער פון דער דאנערשטאג'דיגער, אויך די גאלעריע האט זיך אפגע'חשבונ'ט מיט פיל רעדנער אויף א היימישען אופן.

ביי דער אנוועזענהייט פון דאזארעס פון דער ציוניסטישער, בונדישער, פועלי-ציוניסטישער און אומפארטייאישע פראקציעס, האט פרעזעס סעג. בורזינער האלב 1 ביינאכט געעפענט די ראט-זיצונג און פערבעטען אלס פראטאקאל-פיהרער דעם דאזאר האלענדערסקי.

פרעזעס בורזינער טיילט מיט דעם ראט, אז פריינטאג פרי איז אנגעקומען צו איהם א ברוך, אין וועלכען ה' מינצבערג פערלאנגט, אז די פארטזעצונג פון דער ראט-זיצונג זאל נישט פארקומען 11 פארמיטאג, ווייל אויף דער שעה איז בעשטימט א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג. פרעזעס בורזינער האט געבעטען אפצולעגען די פערוואלטונגס-זיצונג, ווייל די זיצונג פון קהלה-ראט איז דרינגענד און איז נאך דאנערשטאג בעשטימט געווארען אויף זונטאג פארמיטאג.

דערויף וויל פרעזעס בורזינער אפשטימען די אריינגעפלאסענע פארשלאגען וועגען דער קויהלען-אקציע: 1) פון דער קהלה-פערוואלטונג וועגען 50 טויזענד זל. און אנ'ערלויבניש אויסצושטעלען וועקסלען אויף דעם סכום; 2) פון דאזאר רומקאווסקי וועגען אויסוועהלען א קאנטראל-קאמיסיע פון 5 פערזאן און 3) פין די בונדישע און פועלי-ציוניסטישע פראקציעס וועגען בעשטימען אויף דער קויהלען-אקציע 100,000 זל.

דאזאר צערערבוים(פא"י) לעגט פאר איבערצורייסען די זיצונג אויף 2 שעה, כדי „נישט צו געבען די מעגליכקייט צו'בטל'ען די בעשלוס-פעהיגקייט פון קהלה-ראט, און צו געבען די מעגליכקייט דער „אגודה" זיך צו בעטייליגען אין דער זיצונג.

וועגען אט דעם פארשלאג, האט זיך צופלאקערט א שעה'לאנגע דיסקוסיע, בעת וועלכער עס זענען געפאלען שווערע בעשולדיגונגען אויף דער אדרעס פון דער קהלה-מעהרהייט און איהרע מיטהעלפער. די גאלעריע האט בעת-מעשה שטארק געטומעלט.

דאזאר בערגאמענט, ווייזט אן, אז די זיצונג האט נישט קיין קווארום און דער „אגודה" איז פאקטיש געלונגען צו בעגראבען די קויהלען-אקציע. ער לעגט פאר, נישט אנצונעמען קיין שום בעשלוסען, נאר רופען א צווייטע זיצונג און פערעפענטליכען א קאמוניקאט וועגען פערלויף פון די לעצטע 2 ראט-זיצונגען, כדי די יודישע בעפעלקערונג זאל זיך אריענטירען ווי זי האלט אין דער וועלט מיט איהרע קהלה-פערוועלטער...

דאזאר לובלינגשטיין בעמערקט, אז די ראט-זיצונגען ווערען גיכער געפיהרט דורך דער חסידישער גאלעריע, וועגען וועלכער עס זארגט שוין די „אגודה",— איידער דורך דעם פרעזידיום און לעגט פאר דאס זעלבע וואס בערגאמענט.

דער פארזיצער טיילט מיט, אז ער האט ערשט דערהאלטען פון פרעזעס מינצבערג א ברוך, וועלכען ער בעצייכענט פאר א פראוואקאטארישען.

אין דעם דאזיגען ברוך זאגט ה' מינצבערג, אז אויף דער דאנערשטאגדיגער ראט-זיצונג האט מען איהם נישט געלאזט קומען צום ווארט. איך האב, זאגט ער אין ברוך פריינטאג אויפמערקזאם געמאכט דעם פארזיצער פון קהלה-ראט, אז זונטאג פארמיטאג קומט פאר א פערוואלטונגס-זיצונג, צוליב וואס איך האב געבעטען אפלעגען די ראט-זיצונג אויף 4 נאכמיטאג. אויב דאס איז נישט געשעהן, זעה איך דערין א בעשטימטען ווילען ארויסצורופען אנ'אויפרעגונג נעגען דער קהלה-פערוואלטונג. דעריבער ערקלער איך קאטעגאריש, אז אויב עס וועט פארקומען א זיצונג פון ראט און מען וועט מיר נישט געבען קיין ווארט אלס פארשטעהער פון דער קהלה-פערוואלטונג, ווארף איך אראפ פון זיך די אחריות פאר אלע קאנסעקווענצען, וואס אזא האנדלונג וועט גורם זיין.

די אנוועזענדע ראט-מיטגלידער ווערען אויפגעקאכט פונם נוסח פון ברוך. דאזאר ערעלמאן זאגט, אז דאס איז אנ'אויסדרוק פון דער אונפערשעמטער בעציהונג פון דער „אגודה" צו די נויטען פון דער בעפעלקערונג.

דאזאר רומקאווסקי בעטאנט, אז די פריהערדיגע ראט-זיצונג איז דורך דער „אגודה" אויפגעריסען געווארען, ווייל זי האט מורא געהאט, אז עס וועט אויסגעוועהלט ווערען א קאנטראל-קאמיסיע, איבער דער קויהלען-אקציע. ער לעגט פאר אפצושטימען אלע פארשלאגען אין שייכות מיט דער קויהלען-שטייער, און אויב ה' מינצבערג וויל רעדען, מוז ער זיך ענטשולדיגען פאר'ן ראט.

גראד האט זיך אין צווייטען צימער געענדיגט די זיצונג פון קהלה-פערוואלטונג. אין זיצונגס-זאל פון ראט בעווייזען זיך פרנסים פון דער מעהרהייט. די גאלעריע איז זיי מקבל פנים מיט א קאצען-מוזיק.

דער פערוואלטונגס-מיטגליד צוקערמאן בעשרייבט די געשעהענישען אויפ'ן פרייהייטס-פלאץ 6 אלס געזעלשאפטליכער שאנטאזש. אין דער צייט זאגט דער רעדנער, ווען ארימע לייט גיהען אויס אין נויט און קעלט, האט די אגודה געגעבען נעלד פאר זאכען, וואס זיינען איהר ליב. ער שלאגט פאר, נישט קוקענדיג אויפ'ן סאבאטאזש פון דער מעהרהייט, צו בעשליסען איינקויפען קויהלען; אויב דאס וועט דורך דער פערוואלטונג נישט רעאליזירט ווערען, וועט להבא קיין איין פערוואלטונגס-זיצונג נים דורכגעפיהרט ווערען.

פרנס פלוואצקי וויל פערמיטלען. ער לעגט פאר, אז דער ראט זאל צולאזען דעם ה' מינצבערג צום „ברעטעל", דעמאלט וועט די אגודה מיט איהרע דאזארעס אריינקומען צו דער זיצונג און עס וועלען זיין קויהלען.

אויף דער גאלעריע שפילט זיך דערווייל אפ א קאמף צווישען די „גלוחים" און דעם חסידישען עולם.

פרנס זעלמאנאוויטש זאגט אז זיי שארפסטע אפאזיציע נעגען דער קהלה-פערוואלטונג.

דאזאר בלאצקער זאגט, אז עס איז א חרפה, וואס אין שבת זאל מען נאך רעדען וועגען א קויהלען-אקציע. בעת אזא שטיצע דארף ארויסגעגעבען ווערען תיכף. ער האלט, אז מען דארף אננעמען בעשלוסען בנוגע דער קויהלען-אקציע.

ווייטער רעדען די ה"ה ווייצמאן, ש. ערעלמאן און ל. ראזענבערג. אינצווישען דריקט זיך אויס ה' פלוואצקי, אז די האנדלונג פון קהלה-ראט לגבי פרעזעס מינצבערג איז א פראוואקאציע, צוליב וואס עס איז איינגעשטעלט די קויהלען-אקציע. דער ראט האט גענומען שטורמען צוליב'ן ווארט „פראוואקאציע". דאזאר רומקאווסקי האט מיט א בענקעל אין האנט געווארענט דעם ה' פלוואצקי אראפצוגעהן פון דער טריבונע; נישט וועניגער האט גע'רעש'ט דאזאר ראזענבערג, די גאלעריע האט אקאמפאנירט. לסוף איז ה' פלוואצקי געווען געצוואונגען צוריקצוציהען דאס ווארט פראוואָקאציע.

דאזאר מארגענטאלער לעגט פאר צורופען א צווייטע זיצונג.

דאזאר רומקאווסקי בעשטעהט, אז ה' מינצבערג זאל קומען צום ווארט, נים ענטשולדיגענדיג זיך אפילו, נאר אונז שטעלען די ציוניסטישע און אומפארטייאישע פראקציעס, אז די „אגודה" זאל מסכים זיין, מ'זאל אויסוועהלען א קאנטראל-קאמיסיע פאר דער קויהלען-אקציע.

אקעגען דעם, ווי ווייט עס איז נויטיג א קאנטראלע איבער דער „אגודה", האט פרעזעס בורזינער מיטגעטיילט, אז אויף דער אלט-שטעטישער שוהל זענען אויסגעגעבען געווארען בעדייטענדע סומעס געלד, איבער'ן בודזשעט, הגם דערויף איז נישטא קיין רעכט.

דער ראט טרעט צו אפשטימען די פארשלאגען וועגען דער קויהלען-אקציע. עס פאלט ארויף דער ערשטער פארשלאג פון „בונד" וועגען בעשטימען א צווייטע זיצונג פון ראט אויף היינט מאנטאג, פארוואס עס שטימט אויך דער פועלי-אמוני-ישראל'ניק צערערבוים. דער לעצטער ווערט דערום אויפגערעגט, פערלאזט די זיצונג און קוועסטיאנירט דאס קווארום. די זיצונג ווערט ווידער איבערגעריסען מיט גארנישט.

היינט מאנטאג, קומט פאר די פארטזעצונג פון דער ראט-זיצונג.

* * *

(—) נעכטען איז אויך פארגעקומען א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג. אויפ'ן סדר-היום איז געשטאנען די פראגע וועגען דעם חוב, וואס די קהלה איז שולדיג דעם בית הרב מייזעל. עס איז אנגענומען געווארען א ענטשפרעכענדער בעשלוס.

וועגען דעם וועלען מיר נאך שרייבען.

—0—

קארטען-הייזלער פון צעמענט און שעצקע אין קאראלעוו

סקאנדאל אין דער לאדזשער בוי-בעוועגונג

די קאלאניע פון ארבייטער-היימען, וואס די לאדזער מאגיסטראט האט אויפגעבויט אין קאראלעוו זענען שוין איצט כמעט פערענדיגט געווארען און א טייל הייזלעך האט מען זיך שוין איצט אנגעהויבען אריינצוציהען. אין לעצטען מאמענט האט אבער די בוי-קאמיסיע איינגעזעהן, אז די הייזלעך זיינען געבויט געווארען פון אזא שלעכטען מאטעריאל, אז א לעבען מינוס קאנען זיי איינפאלען ווי די קארטען-הייזלעך און עס איז א גרויסע סכנה אין זיי זיך אריינצוציהען. די ווענד זענען געבויט פון עפעס א געמיש, וואס בעשטעהט פון צעמענט, בלאטע און אנדערע שיער ירקות, וואס איז גוט צו אלעם אין וועלט נאר נישט צו בויען פון זיי מענשליכע וואוינונגען. ווייל א חוץ דעם, וואס זיי האלטען פון אסתר תענית ביז פורים גובען זיי נאך פון זיך ארויס א רעגע-מאג אזא מין גאז, וואס פערפעסטעט די לופט אין דער שטוב.

די בוי-קאמיסיע האט דעריבער אבגעשטעלט דאס אריינציהען זיך אין די הייזלעך. פיל ארבייטער-פאמיליעס, וואס האבען געהאפט צו בעקומען א דאך איבער'ן קאפ, וועלען לעת עתה האבען אפגעקומען מיט דער בלויזער האפנונג.

לאָדזער טאַגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָװענד.
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען װערען נישט צוריקגעשיקט.

„Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :אַדרעס
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

די[illegible] אין סיים
װעגען אויסדריקען אומצוטרוי דעם מיניסטער צאַר

הײַנט װעט דער סיים בעטראַכטען דעם פֿאָרשלאַג פון די ענדעקעס מכח אויסצודריקען אומצוטרוי דעם יוסטיץ-מיניסטער צאַר. די ענדעקעס האָבען אַרײַנגעטראָגען זייער פֿאָרשלאַג צוליב אַ ריי טעמים. ראשית, געהט עס זיי דערין, װאָס מיניסטער צאַר איז דער מחבר און איניציאַטאָר פון געזעץ װעגען דער רעפֿאָרם פון געריכטס-װעזען, צוליב װעלכען עס װערען בעזײַטיגט פון זייערע ריכטער-פּאָסטענס אַ היבש ביסעל „אייגענע" מענשען. די ענדעקעס זענען אויך שטאַרק אונצופֿרידען דערפון, װאָס מיניסטער צאַר האָט איבערגענומען דעם פּאָרטפֿעל פון ח' מישטשיטש'ן, װעלכער איז זיי געװען ליבער און סימפּאַטישער צוליב זײַנע קאָנסערװאַטיװע אַנשויאונגען. אָבער מעהר פון אַלעם געהט עס די ענדעקעס אין אַ פּאָליטישען מאַנעװער. זיי װילען פאַר יעדען פּרײַז אַרויסרופען אַ שאַרפען קאָנפֿליקט צװישען דער רעגירונג און דעם סיים צו דער װאַנד די לינקע סיים-[illegible].

דאָס איז אַ באַװוסטע זאַך, אַז סײַ די רעכטע, סײַ די לינקע סיים-גרופּירונגען זענען אונצופֿרידען מיט דער איצטיגער רעגירונג. אָבער קיין איין סיים-[illegible] װאַגט דאָך נישט אײַנצוטראָגען אַנ'אומצוטרוי-װאָטום דעם גאַנצען קאַבינעט, װײַל מ'האָט מורא פאַר ערנסטע קאָנסעקװענצען. מאַכט מען עס דעריבער אין קלענערע פֿאָרמאַט. ד. ה. בײַ יעדער געלעגענהייט גיט מען זיך געגענזײַטיג [illegible]-רעדן, אַז מ'איז אין קריגס-צושטאַנד. דער סיים, למשל נוצט אויס די בודזשעט-דעבאַטע צו שטרײַכען פּאָזיציעס פון די בודזשעטען פון פֿערשידענע מיניסטעריומס אונטער די דיספּאָזיציע-פֿאָנדען. די רעגירונג װידער נעמט זיך נישט שטאַרק צו מיט די בעשלוסען פון סיים און. שטיצענדיג זיך אויף אַ פֿאָרמעל אין דער קאָנסטיטוציע, װאָס קען פֿערשידענאַרטיג אויסגעטײַטשט װערען, האַנדעלט זי, װי זי געפֿינט פאַר בעסער. אַזוי איז אויך געשעהען מיט דעם געזעץ װעגען רעפֿאָרמירען דאָס געריכטס-װעזען. דער סיים האָט בעשלאָסען, אַז דאָס געזעץ װערט אונגילטיג אויף אַ יאָהר צײַט און די רעגירונג האָט דאָס געזעץ תּיכף אײַנגעפֿירט אין לעבען.

די ענדעקעס האָבען דאָס אויסגענוצט, כדי צו צװינגען די לינקע פּאַרטײען, װאָס בעטראַכטען זיך אַלס די אײַנציגע פֿערטײדיגער פון פּאַרלאַמענטאַריזם, אַז זיי זאָלען איבערגעהן אין אַ שאַרפֿער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג, אָדער דאַן װעלען זיי די „אײַנסע"-דעפּוטאַטען זיך דערנעהנטערען צו זיי. אָבער, װען די לינקע װעלען נישט שטימען פאַר'ן אונצוטרוי-פֿאָרשלאַג, דאַן װעט די ענדעציע אויפֿהויבען אַנ'אַלאַרם, אַז די לינקע רעדען נאָר װעגען אָפּאָזיציע און פּראַקטיש שטיצען זיי די רעגירונג געגען סיים.

די לינקע גרופּירונגען געפֿינען זיך אין געגענװערטיגען פֿאַל אין אַ זעהר אומקלאָרער לאַגע. פון פּאַרלאַמענטאַרישען שטאַנדפּונקט דאַרפֿען זיי אויסדריקען אומצוטרוי צאַר'ן, װײַל ער האָט גורם געװען, אַז דאָס געזעץ װעגען רעפֿאָרמירען געריכטס-װעזען זאָל אײַנגעפֿירט װערען געגען װילען פון סיים. פון דער אַנדערער זײַט אָבער זענען זיי צופֿרידען, װאָס מישטשיטשקעװיטש איז אַװעק, און אַ חוץ דעם װילען זיי נישט פֿערשאַרפֿען דעם קאָנפֿליקט צװישען סיים און רעגירונג, גראָד בײַ אַזאַ נישט װיכטיגער פֿראַגע. די לינקע גרופּירונגען שטעהען איצט פאַר אַ שװערען עקזאַמען.

דער הײַנטיגער טאָג קען אַמאָל זײַן אַ צ'ס-שידענער פאַר'ן איצטיגען סיים. פֿאַלט דער פֿאָרשלאַג פון די ענדעקעס אדורך, איז דאָס חשוב נישט קיין בעדײַטונג, אַז אַנ'ערנסטער קאָנפֿליקט צװישען סיים און רעגירונג האָט אויסגעמיטען װערען. װאָס נאָר אַפֿילו װעגען װערדען אויף אַ געװיסער צײַט.

בן משה.

יודישע הלואה פאַר פּױלען

װאָס עס שרײַבט װעגען דעם דער „טאָג". — די ניו-יאָרקער צײַטונג זאָגט דאָס זעלבע, װאָס „לאָדזער טאָגעבלאַט".

װעגען בעשלוס פון דער „פֿעדעראַציע פון די פּױלישע יודען אין אַמעריקאַ", צו שאַפֿען אַ הלואה פון 5 מיליאָן דאָלאַר פאַר די יודען אין פּױלען, האָט שוין „לאָדזער טאָגעבלאַט" געשריבען. מיר האָבען אָנגעװיזען, אַז דער הױפּט-פֿעהלער פון דער „פֿעדעראַציע" איז, װאָס זי בעקלײַדט נישט איהרע גוטע כוונות אין טאַטען, אַז די קאָאָפּעראַציע מיט'ן „דזשאָינט" איז דאָ נישט אויפ'ן פּלאַץ, אַז איהרע מיטגלידער אַלײן האָבען געדאַרפֿט מאַטעריעל אונטערשטיצען דעם נײַעם אויפֿטו.

פונקט דעם זעלבען שטאַנדפּונקט האָט אין דער פֿרײַטיגער דער ניו-יאָרקער „טאָג" אין אַנ'אַרטיקעל א. נ. „אַ יודישע הלואה פאַר פּױלען", װאו עס װערט אַרומגערעדט די רעזאָלוציע פון דער „פֿעדעראַציע", װערט צװישען אַנד. געזאָגט: „אַ יודישע הלואה אין אַמעריקאַ צו שאַפֿען קרעדיט פאַר די יודען פון פּױלען איז אַנ'אַבסאָלוט נױטיגע און װיכטיגע אונטערנעמונג.

„אײן חסרון איז אָבער אין דעם דאָזיגען פּלאַן, װאָס דער פֿאָרשלאַג פון דער קאָנװענשאַן װעגען דער דאָזיגער הלואה, װערט איבערגעגעבען צו דעם „דזשאָינט".

„מיר האָבען דאָ אין אַמעריקאַ איבער אַ פֿערטעל מיליאָן פּױלישע יודען, און פֿיל פון זיי זענען גאַנץ רײַך — אײניגע פון זיי זאָגאַר מיליאָנערען, װעלכע זענען געװען בײַ דער קאָנװענשאַן. זיי האָבען געדאַרפֿט זײַן די ערשטע אויפ'ן פּלאַץ צו פֿערפֿליכטען זיך — און עס איז נאָך איצט אויך נישט צו שפּעט — אונטערצושרײַבען אַ געװיסע סומע פון דער דאָזיגער הלואה, אויב זי װעט געמאַכט װערען. דאָס װאָלט געװען אַ דערמוטיגונג אויך פאַר אַנדערע. אָבער סתם קומען צו געהן און זאָגען, אַז מען דאַרף האָבען דרײַ מיליאָן דאָלאַר, און איהר, טײַערע טעטער'ס, זײַט אַזוי גוט און גיט זיי, — האָבען מיר מורא, איז אײנע פון די גוטע רעזאָלוציעס, װאָס בלײַבען אויפ'ן פּאַפּיר, און זענען אַפֿילו נישט װערט דעם פּאַפּיר, אויף װעלכען זיי זענען געשריבען.

„אַז די פּױלישע יודען נױטיגען זיך אין הילף, װעגען דעם איז קיין צװײפֿעל נישט. אַז הילף דאַרף זיי געגעבען װערען, װעגען דעם קאָן אויך קיין צװײפֿעל נישט זײַן. נאָר אויב דער פֿעדעראַנד פון די פּױלישע יודען װיל זײַן דער איניציאַטאָר אין דער דאָזיגער הילף, דאַרף ער דאָס טון מיט מעשים און נישט בלויז מיט רעזאָלוציעס".

אַבאָנירט
פון 15. יאַנואַר 1929 דאָס
„לאָדזער טאַגעבלאַט".

די הויז-אינדוסטריע פון די האַנט-װעבער מוז מעכאַניזירט װערען!

פון א. פֿרידריך.

װאָס זאָל מען טון, כדי צו פֿערבעסערען די לאַגע פון יודישן האַנד-װעבער?

עס מוז פון פֿאַראויס בעמערקט װערען, אַז קיין שום שנעלע און ראַדיקאַלע הילף קאָן דער דאָזיגער צרה און נישטאָ. מען קאָן בלויז אָנװײַזען אויף אַ ריי פּאַליאַטיװען, װאָס און משך פון יאָהרען קאָנען זיי דאָך פֿערמיטען, דער צרה, די לאַגע זאָל ראַדיקאַל געענדערט װערען.

אין דער צײַט פון הויז-קאָניונקטור האָט אַ טייל פון דער האַנד-װעבער-יונגענד, װאָס איז גרײט זיך צוצופּאַסען צום גאַנצען לעבענס-שטײגער פון טעקסטיל-אַרבײַטער אין לאָדז, — די מעגליכקײט אָנצוקומען אין די טעקסטיל-פֿאַבריקען. כדי אָבער דער קלײנער טייל זאָל אָנקומען אין די פֿאַבריקען, איז נױטיג צו שאַפֿען אַנ'אָרגאַניזירטען און קװאַליפֿיצירטען קאָנטינגענט יודישע מעכאַנישע װעבער, װאָס זאָל דעקען דעם בעדאַרף אין דער צײַט פון דער דערמאָנטער הויז-קאָניונקטור. צום טײל װערט עס איצט געמאַכט פון דער „אָרט"-געזעלשאַפֿט, אָבער נישט אין אַ גענוגענדען מאַסשטאַב.

דאָס קװאַליפֿיצירען דעם יודישען מעכאַנישען װעבער איז אַנ'אויסערסט-װיכטיגער ענין דערפֿאַר, װײַל, װען דער יודישער אַרבײַטער קומט צו און פֿאַבריק, געפֿינט ער דאָרט און דער ערשטער צײַט אַ נישט בעזונדערס פֿרײַנדליכע אויפֿנאַהמע פון דער גאַנצער פֿאַבריק-סביבה און נאָר אַ דאַנק זײַן קװאַליפֿיצירטקײט איז ער בכח אײַנצוהאַלטען דעם פּלאַץ.

צוליב דעם, װאָס אין דער מעכאַנישער טעקסטיל-פֿאַבריק שפּילט דער שטוהל-מײַסטער זעהר אַ װיכטיגע ראָל בכלל, בײַ'ם אָננעמען אַרבײַטער בפֿרט, — איז אומבעדינגט נױטיג אײַנצואָרדענען אַ ספּעציעלען קורס פאַר יודישע שטוהל-מײַסטערס און אויף אַזאַ אופן פֿערגרעסערען די מעגליכקײט, אַז די יודישע מעכאַנישע װעבער זאָלען קאָנען אָנקומען אין די טעקסטיל-פֿאַבריקען.

עס מוז נאָכגעהערט װערען אַ שטאַרקע סיסטעמאַטישע אויפֿקלערונגס-אַרבײַט צװישען יענע עלעמענטען, װאָס שפּילען אַ מעהר אָדער װעניגער ענטשײַדענדע ראָל בײַם אָנקומען פון יודישען װעבער אין די מעכאַנישע טעקסטיל-פֿאַבריקען: אין ערשטער ריי — צװישען די יודישע פֿאַבריקאַנטען, יודישע װעב-מײַסטערס און די נישט-יודישע אַרבײַטער.

די פֿעראַנטװאָרטליכע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציעס בײַ דער מיטװירקונג פון פּראָפֿעסיאָנעלע טעקסטיל-אַרבײַטער-פֿעראײַן מוזען שאַפֿען אַנ'אַרבײַטס-פֿערמיטלונגס-ביוראָ און אויף אַזאַ אופן דערמעגליכען דאָס אָנקומען פון יודישע האַנד-װעבער אין דער טעקסטיל-פֿאַבריק אויף אַנ'אָרגאַניזירטען און ראַציאָנעלען אופן.

אַפֿילו דער נישט גענוג קװאַליפֿיצירטער אַרבײַטער, װען ער זאָל אַרבײַטען אויף צװײ שמאָלע גלאַטע שטוהלען, פֿערדינט דורכשניטליך זכרע 25 זלאָטים אַ װאָך, בײַ 8 שעה אַרבײַט. געניסט דערבײַ אַלע סאָציאַלע פֿערזיכערונגען, װי: קראַנקען-קאַסע, אַרבײַטסלאָזען-פֿערזיכערונג וכדומה, און חוץ דעם האָט ער אויסזיכטען זיך צו קװאַליפֿיצירען און אַרבײַטען אויף צװײ ברײטע שטוהלען און פֿערדינען 40—50 זלאָטים אַ װאָך.

װען ער זאָל בעװײַזען אָנצוקומען צו קאָרט-שטוהלען, איז זײַן פֿערדינסט בײַ 8 שעה אַרבײַט בערך 60 זלאָטים אַ װאָך, שוין נישט רעדענדיג פון פּלוש-באַנד און אַנד. קװאַליפֿיצירטע אַרבײַט, װאו דער פֿערדינסט שטײַגט איבער 100 זלאָטים אַ װאָך.

נאָר אויב פאַר די האַנד-װעבער פון יונגערען דור זענען נאָך פֿערהאַן װעלכע ס'איז מעגליכקײטען בײַ געװיסע בעדינגונגען אָנצוקומען אין די מעכאַנישע פֿאַבריקען איז זי אָבער מיט 7 שלעסער פֿערשלאָסען פאַר די האַנד-װעבער (ספּעציעל לױן-װעבער) פון עלטערען דור, צוליב די פֿאָלגענדיגע מאָטיװען:

אַלס עלטערע מענשען, צװישען 45 און 60 יאָהר, בעלאַסט און דורכשניט מיט אַ פֿאַמיליע פון 4—5 פּערזאָן, פֿערמאָגען זיי נישט יענע נערװען, װאָס פֿאָדערען בכלל צו דער טעקסטיל-פֿאַבריק, קאָנען איצט נישט אָנהויבען פון דאָס נײַ צו ענדערען דעם גאַנצען כאַראַקטער פון זייער לעבענס-שטײַגער, װאָס דאָס איז אַ פֿערבינדונג בײַם אָנקומען אין דער מעכאַנישער טעקסטיל-פֿאַבריק. סוף כל סוף זענען די פֿערדינסטען פון אַנ'אָנפֿאַנגער אין אַ מעכאַנישער טעקסטיל-פֿאַבריק נישט אַזעלכע, װאָס זאָלען שטימען דעם האַנד-װעבער, ער זאָל איבערלאָזען מיט זײַן סביבה און מיט זײַנע רעליגיעזע איבערצײַגונגען.

חוץ דעם, די יודישע פֿאַבריקאַנטען, װאָס װעלען שוין אַפֿילו בײַ זיך פֿועלן צוצולאָזען און זייער פֿאַבריק יודישע אַרבײַטער, װעלען דעם עלטערען, און צו מעכאַנישער אַרבײַט נישט צוגעװאױנטען עלעמענט נישט אָננעהמען.

פֿאַראַן נאָך אַ גאַנצע רײַהע אַנדערע סיבות, װאָס נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו רעדען דערפֿון.

דער דאָזיגער עלעמענט איז פֿער'ן משפּט צום אונטערגאַנג, אויב עס זאָלען נישט אונטערגענומען װערען געװיסע מיטלען צו פֿערבעסערען זײַן מצב. און דער אײנציגער אויסװעג בעשטעהט דאָ, לױט מײַן מײנונג, אין מעכאַניזירען די הויז-אינדוסטריע פון די האַנד-װעבער.

אויף װעלכען אופן איז דאָס מעגליך?

דער לױן-װעבער װאָס זײַן לאָקאַל איז צוגעפּאַסט פאַר דעם צװעק, מוז בעקומען די מעגליכקײט, אָנשטאָט זײַנע צװײ-דרײַ האַנד-שטוהלען, זיך אײַנצושאַפֿען צװײ-דרײַ מעכאַנישע שטוהלען, אויף װעלכע ער אַלײן זאָל קאָנען אַרבײַטען. היות אָבער, װאָס בלויז אַ גאַנץ בעגרענעצטע צאָהל האַנד-װעבער קאָנען און זייערע אײגענע װאױנונגען אײַנאָרדנען די מעכאַנישע שטוהלען, איז מעגליך (װי דאָס פּראַקטיצירט זיך אין די שטעטליך אַרום לאָדז), אַז אײניגע פּערזאָנען זאָלען נעמען אַ בשותּפֿות'ן לאָקאַל, װאו יעדער האָט זיך דאָרט זײַנע צװײ-דרײַ שטוהל.

װעלכע מעלות קאָן האָבען דאָס מעכאַניזירען די הויז-אינדוסטריע לגבי דער האַנד-װעבערײַ?

זאָל דער לױן-װעבער בעקומען די מעגליכקײט זיך אײַנצושאַפֿען צװײ ברײטע ענגלישע מעכאַנישע שטוהלען, װאָס ער ראָז אַנ'אויסנוצט אויסצואַרבײַטען אויף די דאָזיגע שטוהלען בין 80 זלאָטעס אַ װאָך, װײַל װען דער אַרבײַטער און פֿאַבריק פֿערדינט אויף צװײ ברײטע שטוהלען און דורכשניט 40 זל. אַ װאָך, בעקומט דאָ דער לױן-אונטערנעהמער (אַזעלכע זענען פֿערהאַן און לאָדז אַ סך הונדערטער, װאָס האָבען יעדער פון 10 ביז 2—3 הונדערט אײגענע מעכאַנישע שטוהלען), בערך 150 פּראָצענט מעהר, װי עס פֿערדינט דער אַרבײַטער. למשל, װען אַנ'אַרבײַטער פֿערדינט אויף צװײ ברײטע שטוהלען 40 זל. אַ װאָך, בעקומט דאָ דער אונטערנעהמער 100 זל., דערפֿון געהען נאַטירליך אָראָפּ הוצאות אויף לאָקאַל, עלעקטרישע, אָדער אַנדער קראַפֿט, װעבר אין שטוהל-מײַסטער, רעמאָנט פון מאַשינען א. א.

זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז דער לױן-װעבער, װאָס װעט האָבען זײַן אײגענעם נישט מעהר װי צװײ-דרײַ שטוהלען, װעט אָט די הונדערט פּראָצענט נישט בעקומען, ער װעט מוזען קאָנקורירען מיט דער גרױסער לױן-װעבערײַ, כדי גלײַכער צו בעקומען בעשעפֿטיגונג. ער װעט אָבער דערבײַ דעם 8 שעה'דיגען אַרבײַטס-טאָג נישט אַזוי שטרענג אָפּהיטען, און דאָס װעט איהם געבען אַ מעגליכקײט מיט ערפֿאָלג אײַנצוהאַלטען זײַן פּלאַץ אַלס מעכאַנישער לױן-װעבער. דאָס אַרבײַטען אויף מעכאַנישע װעב-שטוהלען װעט פאַר איהם שאַפֿען אַ מעגליכקײט צו האָבען בעשעפֿטיגונג מעהר חדשים אין יאָהר װי בײַ דער האַנד-װעבערײַ. אַ טײל פֿאַבריקען װעלען זיך גלײַכער נאָך פֿערבינדען מיט די אײנצעלנע לױן-װעבער, פאַר װעלכע זיי דאַרפֿען נישט טראָגען אַזאַ גרױסע שטײַגענדע אחריות, װי פאַר די גרעסערע לױן-װעבער, בנוגע צושטעלען מאַטעריאַלען וכדומה.

די מעכאַניזירונג פון דער האַנד-װעבערײַ קען פֿאָרקומען אויף צװײערליי אופֿנים: אין די צוגעפּאַסטע װאױן-לאָקאַלען פון די לױן-װעבער און אין בשותּפֿות'ע לאָקאַלען.

דער לױן-װעבער איז אַלײן דער אײנציגער בעל-הבית פון זײַן אונטערנעהמונג, אַרבײַט װי לאַנג איהם געפֿעלט, זײַנע בני-בית קאָנען איהם נוצען בײַ דער הילפֿס-אַרבײַט. דער חסרון איז אָבער, װאָס קיין שטוהל-מײַסטער דאַרף ער נישט, דאָס אויפֿפּוצען (בעמען) די קעטען װעט איהם אָנקומען נישט לײַכט און אַ ריה מעכאַנישע שטערונגען קאָנען איהם די זאַך פֿערשװערען.

װעלכע מעלות האָט אַ בשותּפֿות'ער לאָקאַל?

עס מוז פֿאָראויס אונטערשטראָכען װערען, אַז אַ בשותּפֿות'ער לאָקאַל מײנט לחלוטין נישט קיין שום קאָאָפּעראַטיװ פון לױן-װעבערײַ, אָדער עפּעס אַזוינס, װאָס האָט אַ שײַכות מיט קאָאָפּעראַציע. דאָס בשותּפֿות'ע פֿאַבריקס-לאָקאַל האָט ערשטענס זײַן לאַגע און ס'װעט צוגענומען פּשוט אַ מעגליכקײט פאַר די, װאָס האָבען נישט קיין צוגעפּאַסטע לאָקאַלען און קאָנען דעריבער נישט בעקומען קיין קאָנצעסיע אויף דער אונטערנעהמונג, זיי זאָלען פֿונקציאָנירען קאָנען מעכאַניזירען זייער װערשטאַט. דערצו נאָך האָבען אַ בשותּפֿות'ען שטוהל-מײַסטער, װאָס איז אַנ'אומבעדינגטע נױטװענדיגקײט אין דער מעכאַנישער טעקסטיל-אינדוסטריע, און אויך אַ בשותּפֿות'ען מאָטאָר, װאָס װעט בעדײַטענד פֿערקלענערען די הוצאות פון דער אײַנאָרדנונג.

ס'פֿערשטעהט זיך, אַז פֿערװירקליכען די זאַך, דורכצופֿיהרען זי און לעבען װעט זײַן נישט אַזוי לײַכט. איהר װעט נישט געפֿינען קיין אײנציגען האַנד-װעבער, װאָס זאָל זײַן בכח נישט נאָר אַרײַנצוטראָגען די גאַנצע סומע אויף אײַנצוקויפֿען די מעכאַנישע שטוהלען, דעם מאָטאָר א. א., נאָר אַפֿילו 20 פּראָצענט פון דער סומע, װאָס איז נױטיג בײַ די איצטיגע בעדינגונגען אַרײַנצואָרגאַניזירען, אַלס ערשטע ראַטע. ער װעט זײַן געצװאונגען אַפֿילו די ערשטע 20 פּראָצענט צו באָרגען בײַ קרובים, אויף װי פֿיל ער װעט איבערהויפּט האָבען די מעגליכקײט ערגעץ צו באָרגען.

כדי צו געבען דעם שטױס, אַז די פֿראַגע פון מעכאַניזירען די האַנד-װעבערײַ זאָל װערען אַנ'אַקטועלע פּראָבלעם, מוז געמאַכט װערען אײניגע פּרובען, סײַ אין אַ פּריװאַטען, סײַ אין אַ בשותּפֿות'ן לאָקאַל. זאָל זיך דאַן אויסװײַזען פון די פּרובען, אַז בײַ מעכאַניזירונג װעט דער לױן-װעבער בעדײַטענד פֿערגרעסערען זײַנע פֿערדינסטען און אַרבײַטס-מעגליכקײטען, װעט ער דאַן זעלבסט אָנװענדען אַלע זײַנע כוחות צו פֿערבעסערען זײַן לאַגע און ס'װעט צוגעצױגען װערען צו דעם די נעהערע געזעלשאַפֿטליכע אויפֿמערקזאַמקײט. אָבער קודם-כל מוזען בײַ די דאָזיגע פּרובען אויך מיטהעלפֿען די װירטשאַפֿטליכע אינסטיטוציעס, װאָס זענען דערצו ספּעציעל בערופֿען.

—o—

הינטער די קוליסען פון באַרשאַי-פּראָצעס

פּאַרװאָס האָט די סאָװיעטישע פּרעסע אַרויסגערוקט די מעשה באַ־שאַי, נישט קוקענדיג דערויף, װאָס עס זענען פֿאַראַנען פֿיל ערגערע פֿאַלען פון אַנטיסעמיטיזם.

מאָסקװאַ. (י. ט. א.) אויפ'ן גרונד פון זײַנע בעאָבאַכטונגען בעת'ן באַרשאַי פּראָצעס און אויפ'ן סמך פון אינטערװיוען מיט סאָװיעטישע פֿיהרער און אָנטײלנעמער אין דעם פּראָצעס אין מינסק, איז דער י.ט.א.-קאָרעספּאָנדענט אין דער לאַגע צו ערקלערען די אמת'ע בעדײַטונג פון דער מעשה באַרשאַי.

אַלס רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס, װאָס האָט זיך ערשט פֿערענדיגט אין מינסק הערשט אין פֿיל קרײַזען אַ מײנונג, אַז דער טומעל איבער דער מעשה באַרשאַי איז נישט בערעכטיגט געװען, װײַל עס זענען פֿאָרגעקומען אַ סך פֿאַלען פון פֿיל ערגערען אַנטיסעמיטיזם. עס הערשט די מײנונג, אַז אויב שוין יאָ בעקעמפֿען דעם אַנטיסעמיטיזם, װי די ראַטען-רעגירונג האָט צפּנים געװאָלט, האָט מען געדאַרפֿט אויסנוצען אַנ'אַנדער פֿאַל פון צװישען די הונדערטער, װאָס זענען פֿאָרגעקומען אין משך פון די לעצטע עטליכע חדשים. בײַ פֿיל הערשט אַפֿילו דער אײַנדרוק, אַז מען האָט זיך געמאַכט לעכערליך מיט דעם, װאָס מען האָט אַזוי צײַכענען דעם באַרשאַי-אינצידענט; װײַל אויף דעם פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעװיזען, אַז די בעשולדיגונגען פון די ברוטאַליטעטען געגען באַרשאַי, װאָס זענען דערשינען אין דער פּרעסע, זענען געװען איבערטריבען.

עס איז אָבער דאָ אַ גרונד צו גלױבען, אַז די ראַטען-מאַכט און די סאָװיעטישע פּרעסע האָבען מיט אַ ספּעציעלער כּונה אויסגעװעהלט דעם באַרשאַי-פּראָצעס װײַל דער פֿאַל איז נישט געװען שרעקליכער װי אַנדערע. דערבײַ האָט די פּרעסע און די רעגירונג געהאַט דעם ציל צו בעקעמפֿען יענע פֿערשפּרײַטע פֿאָרם פון אַנטיסעמיטיזם, װעלכע דריקט זיך אויס אין קלײנליכע פֿערפֿאָלגונגען, װאָס װערען דורך די כוליגאַנעס בעטראַכט אַלס „שפּאַס", װאָס מען מעג זיך ערלויבען מיט יודען. די ראַטען-מאַכט האָט געװאָלט צײַגען, אַז דער דאָזיגער שפּאַס איז נישט ערלויבט.

אַז די דאָזיגע פֿערטײַטשונג איז אַ ריכטיגע, האָט מען זיך געקענט איבערצײַגען בעת דעם פֿערלויף פון פּראָצעס אין געריכטס-זאַל. די פּראָקוראַטאָר און דער ריכטער האָבען קאָנצענטרירט זייערע פֿראַגען נישט אַזוי פֿיל אויף די אײנצעלהײטען פון די רדיפֿות, װאָס די כוליגאַנעס האָבען אויסגעפֿיהרט געגען באַרשאַי, װי אויף צו דערװײַזען, אַז דאָס אָנרופֿען „זשיד" און אַנדערע „שפּאַסען" זענען פּשוטער אַנטיסעמיטיזם. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז דאָס עדות-זאָגען פון איזאַטאָװאַ, באַרשאַי'ס קריסטליכע פֿרײַנדין, װעלכע האָט געװאױנט מיט איהר אין אײן צימער און רעדט אַ פּױלישען יודיש, געװען פון גרויס װיכטיגקײט. זי האָט ערקלערט, אַז נישט נאָר דאָס װאָרט „זשיד" װערט בסדר בענוצט פון די אַרבײַטער אויף דער פֿאַבריק, נאָר דאָס זיי זאָגען אַז אַ יוד קען מען דאָך נישט אָנרופֿען „חבר" אָדער „בירגער", נו מוז מען איהם רופֿען „זשיד". די פּראָקוראַטור האָט דאָס אויסגענוצט אויף צו דערװײַזען, אַז דאָס איז קאָנטער-רעװאָלוציע, װײַל עס איז געגען די פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון דעם ראַטען רעזשים, װעלכער האָט אײַנגעפֿיהרט די אַבסאָלוטע גלײַכהײט פון אַלע ראַסען און פֿעלקער.

—o—

לאָרד באַלפֿור װעגען א"י-מאַנדאַט

די פּראָפּאַגאַנדע פון דער ליבעראַלער פּאַרטײ צװישען די ענגלישע יודען

לאָרד באַלפֿור פּאָלעמיזירט מיט די ליבעראַלען

לאָנדאָן (ימ"א) די פּראָפּאַגאַנדע-[...] פון דער ליבעראַלער פּאַרטײ [...] ענגלאַנד, װעלכער האָט, און צוזאַמען מיט די נאָהענטע פּאַרלאַמענטס-[...], פֿערשטאַרקט די טעטיגקײט, [...] אַרויסגעגעבען אַ בראָשור [...] יודען און דער ליבעראַליזם", און [...] עס װערט ערקלערט, דאָס נאָר [...] ליבעראַלען זענען די אמת'ע פֿער-[...] ליבעראַלער און הױטער פון דער יודישער [...] אין לאַנד.

[...] צוזאַמענהאַנג מיט דער בראָשור [...] ח' פֿערטנו קאָהען ערהאַלטען [...] פון לאָרד באַלפֿור אַ בריף, אין װעלכען עס װערט געזאָגט, דאָס די פּראָפּאַגאַנדירונג דורך דער ליבעראַלער פּאַרטײ דעם געדאַנק, דאָס נאָר די ליבעראַלען האָבען דעם מאַנדאַט צו בעשיצען די יודען און די יודישע רעכט איז שעדליך און ענטשפּרעכט איבערהויפּט אויך נישט דער װירקליכקײט. עס איז אַ פֿאַקט, — שרײַבט לאָרד באַלפֿור, דאָס נאָך צװישען די אַלע ענגלישע רעגירונגען, װעלכע האָבען זינט דעם יאָהר 1917 געשטיצט די אַנערקענונג פון די יודישע רעכט אין ארץ ישראל און די ראַהמען פון מאַנדאַט, איז נישט געװען קיין איין ליבעראַלע רעגירונג.

[...]שע פּאָליציאַנטען פֿערלאָזען די דינסט אין א"י

ירושלים (ימ"א) אַ רײַה יודישע [...]בעאַמטע און ירושלים האָבען [...] פֿערלאָזען די דינסט, װײַל זיי [...] נישט צופֿרידען מיט דער בע-[...] מצד דער פּאָליצײ-פֿערװאַלטונג צו זיי װי אויך מיט די נידעריגע געהעלטען.

די צאָהל איבערגעבליבענע יודישע פּאָליציאַנטען איז גאַנץ קלײן.

—o—

[...]װאָכענבלאַט אין דער יוד. שפּראַך אין תּל-אביב

ירושלים (ימ"א) אַ גרופּע יודישע [...] אין תּל-אביב האָט ברעה [...] אַ װאָכענבלאַט אין דער יודישער שפּראַך. אײניגע אַמעריקאַנער יודישע שרײַבער האָבען פֿערשפּראָכען זייער מיטאַרבײַט און װאָכענבלאַט

לעסינג מיט זיינע ווערק געווען א מליץ-יושר פאר יודען

דער קאמף פאר ליכט, פרייהייט און גערעכטיגקייט האט לעסינג'ן אויך געמאכט פאר א יודען-פריינד. — אלט לייענען מיט בעגייסטערונג זיין „נתן החכם" און זיינע איבריגע ווערק. — ער איז געווען א נאהנטער פריינד פון יודישען פילאזאף משה מענדעלזאהן.

(צום 200-טען געבורטס-טאג פון גאטהאלד אפרים לעסינג)

(ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט") — פון יוסף האלענדער.

דעם 22-טען ד. ח. האט די גאנצע געבילדעטע מענשהייט געפייערט דעם אנדענק פון אנ'אונשטערבליכער גייסטי-גער פערזענליכקייט. דעם 22-טען יאנואר איז געווארען פולע צוויי הונדערט יאהר זייט ס'איז געבוירען געווארען גאטהאלד אפרים לעסינג. פאר אונז יודען בעדייט זיין נאמען פיל מעהר, ווי דער נאמען פון א ליטעראַרישען גאון. ער איז איינ-געקריצט אין אונזער זכרון אלס דער מוטיגער, דרייסטער קעמפער פאר יודי-שער גלייכבערעכטיגונג, אלס מליץ-יושר, וואס האט זיך אנגענומען פאר די עולות וועגען יודען, בעקעמפענדיג די אונטער-דריקונג און אכזריות'דיגקייט, וועלכע זענען געגען אונז בעגאנגען געווארען.

און לעסינג ענטפלעקט צום ערש-טען מאל אין דייטשלאנד פראגרעסיווער גייסט, פרייער מענשליכער שכל, די שטרעבונג נאך גייסטיגער פרייהייט.

* * *

קריטישע אורטיילען אלס א פועל יוצא פון בעשטימטע היסטארישע ערשיי-נונגען, בלייבען אפט אין דער קולטור-געשיכטע זעהר לאנג לעבעדיג. צו זיי געהער אויך דער אורטייל איבער דער „אויפקלערונגס-עפאכע". צוליב דעם, וואס מאנכע גייסטיגע גבורים ווי הער-דער, שילער, געטע האבען אנגעפיהרט א קאמף געגען געוויסע איינזייטיגקייטען פון דער אויפקלערונג, האט זיך די לעצטע קונה שם געווען אלס אומגערא-טען בעשעפעניש און אין צעהנדליגער יאהרען דערנאך בעווארפען געווארען מיט בלאטע. עס איז פערגעסען געווא-רען, אז דער טיפער הוף פון דייטשען קלאסיציזם איז געווען א המשך און צוגלייך פערווירקליכונג פון דער אויס-קלערונגס-אידעע. עס איז פערגעסען געווארען, וואס די אויפקלערונגס-תקופה איז ענגערען זין פון ווארט, האט אויפגעטון לטובת דער מענשהייט. אל-געמיין איז זי אנגערופען געווארען דער שקלאפעי-אויפשטאנד פון טרוקענעם ראַ-ציאנאליזם געגען די טיפערע לעבענס-כחות... אינ'ם ליכט פון דער היסטארי-שער אפשאצונג בלייבט די אויפקלע-רונג, די התלהבות'דיגע מלחמה פון אויפגעוועקטע, העלע מענשען-מוחות גע-גען ווילדען און געפעהרליכען אויס-דאוקס פון מיטעלאלטערישער מיסטיק געגען שטעל • אלטערליכער פערגרייזונג און פערשקלאפונג.

די טענדענץ פון דער אייראפעאישער קולטור זייט דער רענעסאנס, איז די פון אויפקלערונג. די גאנצע גייסטיגע ענטוויקלונג זייט'ן סוף פון מיטעל-אל-טער איז א כסדר'דיגער נצחון פון אויפקלערונגס-געדאנק. פערשטעהט זיך, אז יעדער פארטשריט האט געהאט זיך מצען מיט טויזענדער שוועריגקייטען, מיט פערשידענע שטרעמונגען און איינגעזונדעטע פאראורטיילען און יעדער שריט פון דער קעמפענדיגער היסטארישער ווירקליכקייט האט זיך אנ-געשטויסען אויף שפיציגע פעלזען...

טאקע אזא פנים האט געהאט די צייט פון דער אויפגעקלערטער „דייטשער השכלה". עס איז געווען די תקופה פון א שטיקענדיגער אטמאספערע, פערשלייערט אין דעספאטיזם, פאנאטישען שגעון און קלאסען-גייסט. שפעטער האט מען דאס בילד פון דער דעמאלדיגער צייט געפרובט פערשעהנערען דורך די „לע-גענדארישע געשטאלט" פון פרידריך דעם גרויסען, וועלכער איז געווען נישט מעהר, ווי א טיראן, אנ'אויסגעלאסענער בריאה. ער און זיין ממשלה זענען נישט בלויז פון לעסינג, נאר פון גאנץ איי-ראפע געווארען פעראורטיילט.

לעסינג איז געווען דער גרעסטער דייטשער פיהרער פון אויפקלערונגס-ווארט, דער פרייסטער און דערהויבענס-טער גייסט אין א צייט, וואס האט גע-בענקט נאך פרייהייט, די פראקלאמירונג פון דער אייגענער פרייהייט מוז אין זיך כולל זיין די פרייהייט פון פרעמדען גלויבען, איז געווארען דער גייסטיגער יסוד פון דער אויפקלערונג. פרייהייט און טאלעראנץ, זעלבסטבעשטימונג און אנערקענונג פון פרעמדען גלויבען גע-הערען צוזאמען ווי פונדאמענט און דאך — דאס איז די עצם-אידעע, וואס די אויפקלערונג האט געפרעדיגט און וועל-כע האט געפונען אין לעסינג איהר אונשטערבליכען מבשר.

* * *

און ווי האט דעמאלט אויסגעזעהען דער מצב פון די דייטשע יודען? קיין שום געזעלשאפטליכע שיכט, קיין שום רעליגיע-געמיינשאפט האט נישט אזוי ביטער געליטען אין יענער צייט, ווי די יודישע. דער יוד איז געווען דאס כפרה-הינדעל פאר אלעמענס חטאים, אלע האבען איהם פיינד געהאט בתכלית השנאה. אבערגלויבען, גרויזאמקייט און קנאה, ליידענשאפטליכקייט און שגעון האבען געשלאסען יד אחת געגען די יודען. האט א נישט-יוד פאסירט אנ'-אומגליק האבען באלד גלח'ישע העצער און קלוגע מושלים אנגעצייכנט דעם גא-רישען המון; זענען אויסגעבראכען עפי-דעמיעס, האט מען איינגערעדט דעם אונוויסענדיגען המון, אז דאס האבען יודען פער'סמ'ט די ברונעמס, כדי די קריסטען זאלען אויסגעהן מן השורש צו זיין. מיר האבען פאר די בלבולים בעצאהלט מיט אונזער האב און גוטס, זאגאר מיט אונ-זערע לעבענס...

צעהן יאהר פאר לעסינג'ס געבורט האט א בערימטער דייטשער יוריסט אט וואס געשריבען: „ס'איז צו גלויבען, אז יעדער יוד אלס יוד — אויב ער בעווייזט נישט דעם היפך — איז פעהיג צו די שרעקליכסטע פערברעכענס". אזא מיינונג האט די עפענטליכקייט, דאס פראסטע, ווי אינטעליגענטע פאלק וועגען יודען".

* * *

דער ערשטער בעדייטענדער דייטש, וועלכער האט פערטיידיגט די יודען, האט געהייסען יאהאן רייכלין. דער צווייטער, וואס האט געפאדערט רעכט פאר יודען, איז געווען נישט קיין אנ-דערער ווי דער רעפארמאטאר לוטער. ער האט אין יאהר 1526 אזוי געשרי-בען:

„אונזערע אידיאטען, די פויפסטען, די קארדינאלען און גלחים האבען זיך כסדר מיט די יודען אזוי נוהג געווען, אז יעדער גוטער קריסט האט געדארפט ווערען א יוד. — זיי האבען מיט יודען געהאנדעלט גלייך זיי וואלטען נישט געווען קיין מענשען, נור הינט... מיין עצה איז, אז מען זאל די יודען בע-האנדלען ווי מענשען, ווייל די צרות, וואס זיי ליידען פון אונז אויסצושטעהען שרייען צום הימעל". (דרך אגב איז צו בעמערקען, אז לוטער איז שפעטער מגולגל געווארען אין א שונא ישראל).

קיינער פון זיי איז אבער מיט אזא ערפאלג, מיט אזא ליבע און אמת נישט אויפגעטרעטען פאר'ן יודענטום, ווי לע-סינג. זייענדיג אלט צוועלף יאהר האט ער שוין געהאט אנגעשריבען א דיקטאט מיט פאלגענדען אינהאלט: ס'איז בארבאריש צו מאכען א חילוק פון פאלק צו פאלק. מיר אלע זענען פון גאט בעשאפען און פון איהם בעשאנקען מיט שכל. מיר אלע זענען אנגעוויזען אויף דער הילף פון פרעמדע מענשען און דערפאר זענען זיך אלע מענשען די נאהנטעסטע. מען טאר נישט די יודען רודפ'ן, ווייל גאט האט געזאגט: משפט קיינעם נישט, כדי איהר זאלט נישט ג'משפט ווערען"...

לייטישע געדאנקען פאר א צוועלף יעהריג יונגעל — די ערשטע שפראצונ-גען פון מענשליכער ליבע...

לעסינג האט זיינע הומאניסטישע אנ-שויאונגען בעקומען בירושה פון זיין זיידען טעאפיליס לעסינג. דער דאזיגער האט אין יאהר 1660 עקזאמינירט מיט זיינער א דיסערטאציע „פון דער טא-לעראנץ דער רעליגיאנען". בשעתו איז טאלעראנץ געווען א משונה'דיגער בעגריף.

טאלעראנץ. אויך דער פאסטאר פון שטעטיל קאמענץ, זיין פאטער איז גע-ווען א טאלעראנטער מענש. אלס 12-יעהריגער שילער האט לעסינג געשרי-בען א שול-ארבייט „עס איז בארבאריש צו מאכען אנ'אונטערשיד צווישען א פאלק און א פאלק, אלע פעלקער זענען דאך בעשאפען פון גאט און זייער פער-שטאנד קומט דאך פון איהם, אויך די יודען מוז מען דן זיין לכף זכות". שוין אין דעם 12-יעהריגען יונגעל ענט-וויקלען זיך די אידעען, וואס ווערען מיט 40 יאהר שפעטער אזוי הערליך אויסגעדריקט אין „נאטאן דער וויזע". זיין ערשט ווערק „די יודין" האט ער געשריבען, ווען ער האט נאך מענדעל-זאהנען נישט געקענט, ער איז דאן אלט געווען 19 יאהר. דארט זאגט דער ריי-זענדער דער יוד „איך בין נישט קיין פריינד פון ארויסטראגען אורטיילען אי-בער גאנצע פעלקער, ביי אלע פעלקער געפינען זיך גוטע און שלעכטע נפשות", אנ'אידעע, וואס האט נאך היינט נישט צופיל אנהענגער.

די פריינדשאפט לעסינג'ס צו מענדעל-זאהן האט ביי איהם געוועקט די מורא, אז מענדעלזאהן זאל נישט האבען דעם זעלבען גורל, וואס שפינאזא. ביידע, לעסינג און מענדעלזאהן זענען פון פריד-ריך II (פרידריך דער גרויסער) נישט אנערקענט געווארען. פרידריך האט אויך שעקספיר'ן און געטה'ען נישט אנערקענט די פרייסישע „אקאדעמיע דער וויסענ-שאפט" האט צוויי מאל פארגעלייגט אנ-צונעמען מענדעלזאהנ'ען אלס מיטגליד אין דער אקאדעמיע. אבער ביידע מאל האט פרידריך II איהם אויסגעשטראכען פון דער ליסטע, הגם מענדעלזאהנ'ס ווערק האבען בעקומען פון דער אקא-דעמיע דעם ערשטען פריז. מענדעלזאהן האט ווי זיין שטייגער רעאגירט דערויף זעהר וויציג: דער פארשלאג פון דער אקאדעמיע איז שוין פאר מיר א גרוי-סער כבוד. ווען דער קעניג וואלט גע-מאכט דעם פארשלאג, און די אקאדעמיע וואלט מיך געשטראכען פון דער ליסטע, וואלט דאס געווען אנ'אמת'ער בזיון. פרידריך II האט אויך לעסינג'ס שטרע-בונג צו בעקומען דעם פאסטען פון קע-ניגליכען ביבליאטעקאר נישט ערפיהלט, דעם פאסטען האט בעקומען אנ'אונבע-קאנטער פראנצויז.

דער הערצאג פון ברוינשווייג האט לעסינג'ן געמאכט פאר דעם ביבליאטע-קאר פון זיין גרויסער ביבליאטעק אין וואלפענביטעל, וואס האט שוין דעמאלט געצעהלט 70.000 בענדער און זעהר וויכטיגע מאנוסקריפטען.

לעסינג איז פון דער פריהעסטער יו-גענד געווען א ליבהאבער פון ביכער. האט ער טאקי די ביבליאטעק בערימט געמאכט דורך זיינע ארבייטען. אין 46 טען לעבענס-יאהר האט לעסינג חתונה געהאט, אבער נאך א פערטעל יאהר איז איהם זיין פרוי געשטארבען. אויך דאס איינציגע קינד האט נישט לאנג געלעבט נאך דער מוטער'ס טויט, דאס האט שטארק געווירקט אויף לעסינג'ס געזונט, וואס איז געווארען פון טאג צו טאג שלעכטער. כאראקטעריסטיש זענען די לעסינג'ס ווערטער צו זיין יונגען פריינד לייזעוויטש: „ווען דו וועסט זעהן, דאס מיין לעבען האלט ביים סוף, רוף נישט קיין גלח, נישט קיין פאסטאר, נאר א רעיטענט. פאר איהם וויל איך מודה ומתודה זיין אין דער לעצטער שעה פון מיין לעבען, אז אין אלע הערשענדע אמונות האב איך נישט קיין חלק". מענ-דעלזאהן, וואס האט זיין פריינד לעסינג 5 יאהר איבערלעבט, האט נאך לעסינג'ס טויט געשריבען צו לעסינג'ס ברודער: פאנטאינעל האט מספיד געווען קאפערניק'ען מיט די ווערטער: ער האט די וועלט בע-קאנט געמאכט מיט זיין וועלט-סיסטעם און איז געשטארבען. אייער ברודער האט געשריבען דעם „נאטאן" און איז געשטארבען". געטהע האט געזאגט לעסינג האט נישט געוואלט אנערקענען דעם טיטול גאון (געניע) אין זיינע ווערק זעהט מען אבער נור גאונות".

טרייטשקע, איינער פון די גרעסטע היסטאריקער פון דייטשלאנד שרייבט וועגען לעסינג'ן „ערשט ווען די אידעע פון „נאטאן" וועלען אין גאנצען פער-קערפערט ווערען אין אונזער געזעל-שאפט, ערשט דעמאלט וועט מען זיך קענען ריהמען, אז מיר לעבען אין צייט פון רעכט און גערעכטיגקייט".

—o—

קופאן 7 №
אויף אומזיסט יורידישע עצות.
דער בעזיצער פונ'ם דאזיגען קופאן קען בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט מאנטאג, דעם 28. יאנואר פון 8—9 אוו.

די לעסינג-פייערונגען אין דייטשלאנד

(א בריף פון בערלין, ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט")

פון י. מ. גליקמאן.

גאנץ דייטשלאנד פייערט איצט דעם 200-טען געבורטסטאג פון איינעם פון איהרע בעסטע און גרעסטע זוהן; גאט-האלד אפרים לעסינג, דער קעמפער פאר „פרייהייט און אמת". דער רייכס-טאג מיט'ן רייכסקאנצלער בראש האט זיך בעטייליגט אין א גראנדיעזע מאני-פעסטאציע לכבוד לעסינג'ן, די טעאטערן שפילען זיינע ווערק „די יודען" און „נאטאן דער חכם". די פרעסע פון אלע שאטירונגען איז פול מיט ארטיק-לען איבער די פערזענליכקייט, לעבען און ווירקען פון לעסינג, אויך די יודיש-דייטשע פרעסע ווייזט אן אויף דעם מיט פון דעם חסיד של אומות-העולם, וואס האט אין זיין ערשט ווערק „די יודין" פערלאנגט רעכט פאר דעם רעכט-לאזען פאלק. עס ווערט אויך דער-מאנט די פריינדשאפט צווישען לעסינג'ן און משה מענדעלזאהן. דער פערלעגער ניקאלאי רופט אן די דאזיגע פריינד-שאפט „אהבת דוד ויונתן". לעסינג שטאמט פון א פאמיליע פון גלחים און טאלערירטע מענשען. זיין זיידע, דער פאסטאר טהעאפיליס לעסינג האט ארויס-געגעבען א בראשור וועגען רעליגיעזער

זיך געפונען

ארגינעל ראמאן פון דער נייער יודישער תקופה

פון י. ל. [illegible]

(פארטזעצונג).

— עך, אין דר'ערד ארײן! האט ער א זאג געטון יאשקען איבער'ן פלייצע אז יענער האט זיך געבויגען אין דרייען. ברודער יאשקע! אין דר'ערד ארײן! — ברודער יאש,ע, אין דר'ערד ארײן! — האט ער געשריגען. — איך קען נישט! איך קען נישט! אין דר'ערד ארײן! יאשקע, איך בין א קאמיסאר, אבער כ'קען נישט זעהן, ווי דער אלטער יוסל, אין דר'ערד! אריין! יאשקע! אין דר'ערד ארײן! אט א דא! דו זעהסט? — ער האט זיך געכאפט א קלאפ אין הארצען. — אט א דא, טאראפעצעט זיך דער יוד! קום, יאשקע, אין דר'ערד ארײן! זאלען די בורזשוען אליין פלוידערן, אין דר'ערד ארײן!

— יא, ער איז פון די „חסידי אומות העולם"! — האט יאשקע געענטפערט מיט גמרא-ניגון. — ער איז „מצדיק את הדין", פערשטעהסט איהר מיך. — און די קאמיסארען זענען אוועק, איבערלאזענדיג לאזער און גולד'ן מיט'ן אלטען.

דער אלטער גראף האט זיי דערצעהלט פון זיין אמאליגער גרויסקייט און רייכקייט און פון דער איצטיגער בלוטיגער ארדנונג. „עך, קינדערלעך! — האט ער לסוף ארויסגעקרעכצט — און דאס האבען געטון די אייגענע קינדער; מיין ניקאלאי און זיין לעאן.

— איז דער גרויסער ניקאלאי לענין געווען אייער זון? — האבען זיי מיט פערוואונדערונג אויסגערופען.

— איך האב איהם געטויפט, — האט ער געענטפערט.

— אמאל, פאר דעם „בלוטיגען מבול", זענען אלע געווען גוטע. אט דער-זעלבער ניקאלאיקע איז געווען א גוטער זון און א גוטער מענש, אנ'אריסטאקראט מיט אנ'איידעלער נשמה, און לעאנקע מיט מיכאילקען זענען דאך געווען גאר אהן א גאל, זיך אלע מאל איינגעשטעלט פאר דעם שוואכערען, אבער נאכדעם ווי זיי זענען צוריקגעקומען פון פראנט, האט מען זיי בשום אופן נישט געקענט דערקע-נען. אמת'ע שדים. א פנים, אז דער שדים-קאראהאד האט זיי אנגעשטעקט מיט אנ'אומרייניגען גייסט. און אט אזוי האבען זיי פערשלעפט דעם מאמעלע רוסלאנד אין א בלאטע.

— און ווער איז דאס דער לעאנקע? -- האבען זיי געפרעגט תמ'עוואטע.

— עך, קינדערלאך! איהר ווייסט נאך אפנים גארנישט. דאס איז דאך דער צווייטער טייוועל, דער גרויסער טראצקי, אדער ווי מען רופט איהם, „דער רויטער לייב", מיין ניקאלאי'ס חבר. זיי האבען זיך גע'חבר'ט פון קליינווייז אן. צוזאמען געגאנגען אין גימנאזיע, אין אוניווערזיטעט, איידעלע קינדער געווען, גוטע, טייערע פאר גאט און פאר לייט, און לסוף האבען זיי ביידע חרוב געמאכט אונזער מאמע-לע רוסלאנד. — מילא, טראצקי'ן האט אפשר דער יודישער גאט געשיקט צו נע-מען נקמה פאר זיינע ברידער, פאר די יודישער פערגאסענע בלוט. אבער ניקאלאי-קע? עך, גאט מיינער!

— גראף! — האט גולד אנגעהויבען.

— שא... שא... — איז דער אלטער פערציטערט געווארען. — רופט מיך נישט גראף, מען טאר נישט! ווען אט די קאמיסאר'לעך וואלטען עס דערהערען, זע-נען מיר נישט זיכער מיט די לעבענס!

— נו, זאל זיין חבר פיאדאר! מיר וואלטען וועלען זעהן אט דעם אומגליק-ליכען אלעקסאנדער'ן.

— מען טאר נישט, קינדערלעך! די רויטע קוקען אויף אויסלענדער מיט טויזענדער אויגען. זיי וועלען אייך נאך אנטון יסורים.

— מיך האבען אזוי א פאפיר פון טראצקי'ן אליין! — האבען זיי געענט-פערט. — אונז וועט מען נישט אנטון קיין יסורים!

— וואס? פון טראצקי'ן אליין? — האט דער אלטער ברייט פונאנדערגעע-פענט זיינע אויגען.

— יא, גראף פיאדאר, פון איהם אליין.

דער אלטער האט זיך ארומגעקוקט, פונקט ווי ער וואלט זיי חושד געווען, אז זיי זענען מסתמא רויטע שפיאנען.

זיי האבען עס פערשטאנען. גולד האט ארומגענומען דעם גראף און האט גערעדט צו זיין הארצען:

— שרעקט אייך נישט פאר אונז, מיר בעלאנגען נישט צו די רויטע, און מיר וועלען קיינמאל נישט בעלאנגען. — זיי האבען דערצעהלט דעם גראף פון זייער געשעפטס-פלאן, וועלכען זיי ווילען דורכפיהרען.

דער אלטער האט זיך בערוהיגט. ער האט געזעהן נאך זייערע פנים'ער, אז זיי זענען אמת'ע אריסטאקראטען.

— עך, ווער זיך דאס אלעקסאנדער מחיה זיין מיט אזעלכע אורחים! ער וועט האבען מיט וועמען צו רעדען פון גרויסע מסחרים, ער איז דאך א מיניסטער-קאפ! — ער האט גענומען זיין שטעקען און איז מיט זיי געגאנגען צו אלעק-סאנדער'ן.

אויפ'ן וועג האבען זיי בעגעגנט פיוועלע קאמיסאר. דער אלטער איז גע-ווארען א פערציטערטער.

— נו, זיך געניג אנגעפלוידערט מיט'ן אלטען? אין דר'ערד ארײן!

יא, חבר קאמיסאר! — האט לאזער געענטפערט. — ער איז א וואוילער אלטיטשקער!

— ער איז א גוטער גוי, אין דר'ערד ארײן! — האט פיוועל מסכים געווען.

— וואו געהט איהר איצט, חברים דיפלאמאטען, אין דר'ערד ארײן!

— אט מיר ווילען געהן אביסעל פלוידערן צו אלעקסאנדער טימאפעעוויטש.

פיוועל קאמיסאר האט אויסגעשאסען אין א געלעכטער. טימאפעעוויטש כא-כא-כא! איהר מיינט אפשר טימאפעייעוויטש? אין דר'ערד ארײן!

— אט צו איהם מיינען מיר טאקע, חבר קאמיסאר!

— דער אלטער האט אייך שוין געמוזט געניג אנפלוידערען פון איהם אבער איך זאג אייך, אז ער איז איינער פון די גרעסטע בורזשוען געווען, אט פון די יא-טעבע-דאמ'ניקעס, און איצט איז ער אויף גרויסע צרות אין דר'ערד ארײן. ער פגר'ט צעהן מאל א טאג פון הונגער, אין דר'ערד ארײן!

אט דער יאט אלעקסאנדער איז אמאל געווען דער גרעסטער בורזשוי און לאנד, זיך ג'חבר'ט מיט אלע „אדונים" אין דר'ערד ארײן! געזעסען אין אויבענאן מיט'ן צאר אליין, אין דר'ערד ארײן! און איצט, עך, חברים דיפלאמאטען, ס'איז א רחמנות אויפ'ן יאט, אין דר'ערד ארײן. ער קען נישט ארבייטען, דעליקאטנע ידים'לעך, אין דר'ערד ארײן.

— אבער געדענקט! איהר זייט טאקע יאטען דיפלאמאטען, אמעריקאנער אין דר'ערד ארײן. — איך בין בין אבער פיוועלע קאמיסאר, מיט א פאר גע-טע ידים אין דר'ערד ארײן, מיט אנ'אמת רויט הארץ, אין דר'ערד ארײן. ס מעהר נישט צרה'דיג, וואס מיין טאטע איז געווען א יוד. פון גאט'ס סטראפצע אין דר'ערד ארײן, איז קען איך נישט זעהן אט ווי יענער וויינט, אין דר'ערד ארײן!

ער איז אוועק.

דער אלטער גראף מיט די אמעריקאנער זענען צוגעקומען צו א פלאץ, ס'איז געווען קענטיג, אז אט ערשט, גאר נישט לאנג, זענען אין דעם גן-עדן גע חזירים; דער דאך אפגעריסען, די פענסטער פערשלאגען מיט ברעטער, די ווענט ערטערווייז צולעכערט. — דאס זענען די שטומע עדות פון די רויטע רעקוויזיציעס. מען האט געטראפען אנ'צלטען מאן, שעהן און הויך געוואקסען, אבער זעהר א געדארט, מיט א פנים, פול מיט קנייטשען און דאגות, מיט גרויסע שווארצע מרה-שחורה'טע אויגען, און אנ'עלטערע פרוי, קענטיג אנ'אמאליגע שעהנהייט איינגעוויקעלט אין שמאטעס.

— וואס מאכסטו, אלעקסאנדער טימאפעייעוויטש? — האט דער גראף געפרעגט. — וואס מאכסטו, מאריא איוואנאוונא? איך האב דיר געבראכט אמעריקאנצעס!

(דאס ווייטערע קומט).

לאדזער כראניק.

נאכט-דיזשורנע אין די אפטייקן.

היינט דיזשורירן פאלגענדע אפטייקן: מ. לופּינ'ע פעטריקאווער 193, מ. מינער פעטריקאווער 46, גראשקאווסקי זאנקטמאנינער 15, פערעלמאן צגערזש-נא 64, ניעווארצאווסקי אלעקסאנדראווסקא 87, יאנקיעלעוויטש אלטער-מארק 9.

נייע פערוואלטונג פון יודישען „דאבראטשינאשטש".

(ג) אונטערן פארזיץ פון אינזש. מארגוליעס איז נעכטען פארגעקומען דער המשך פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון יודישען „דאבראטשינאשטש".

עס איז געוועהלט א נייע פערוואלטונג פון די ה"ה: באריס אייטינגאן, ד"ר גאלדמאן, אינזש. מארגוליעס, ד"ר קלויזענבערג, ס. לעדער, ב. נ. לזמוויז.

די רעוויזיאנס-קאמיסיע איז געבליבען אין בזאנצטיגען צוזאמענשטעל.

קאנדידאטור פון אינזש. באיער א בעשלאסענע זאך

אויב די גרויס-אינדוסטריע וועט ארויס פון דער האנדעלס-קאמער וועט זיין פרעזעס מיניסטער טאלאטשקא

(:) ווי מיר דערוויסען זיך האט דער האנדעלס-מיניסטער קוויאטקאווסקי אונטערגעשריבען די נאמינאציע פון 6 ראטמענער רצו דער לאדזער האנדעלס-קאמער. דאס זענען די ה"ה: דער געוועזענער מיניסטער טאלאטשקא, דער דירעקטאר פון דער לאדזער עלעקטראווניע, יוליוס לעווענשטיין, דירעקטאר פון דער אקציען-געזעלשאפט י. ק. פאזנאנסקי, טשעכלינטשאקעוויטש פון דער לאדזער אפטיילונג פון „באנק פאלסקי", אולריך קאלישער סוחר, קאנארזשעווסקי, פון „באנק אודזיאלאווי". מראציאנאווסקי און דירעקטאר פון דער לאדזער טעקסטיל-שול. דעסטגלייכען דערוויסען מיר זיך, אז אין די קרייזען פון די העכערע בעאמטע פון האנדעלס-מיניסטעריום הערשט די איבערצייגונג, אז די נאמינאציע פון אינזשעניר באיער אלס דירעקטאר פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער, קען מען רעכענען אלס זיכערע זאך. זאל אבער די גרויס אינדוסטריע צוריקציהען איהרע פערטרעטער פון פרעזידיום פון דער האנדעלס-קאמער ווי זי האט דאס געדראהט צו טון אויב דראבאווסקי וועט ניט ווערען דירעקטאר, דאן וועט ארויסגערופט ווערען אלס פרעזעס דער געוועזענער מיניסטער טאלאטשקא.

—0—

ליטעראַרישע נייעס.

דער זוהן פון הרב נוטקאווסקי אין לאדז, ה' אליהו נוטקאווסקי, א לעהרער פון יאשונסקי'ס גימנאזיום, האט איבערזעצט און פוליש דאס בערימטע ווערק פון רמב"ם „שמונה פרקים". דער מתבר, וואס איז דעם פערשטארבענעם ד"ר שמחוני'ס א תלמיד, האט מיט זיין רבינס גרונדליכקייט דאס ווערק פערזעהן מיט א אויספיהרליכער וויסענשאפטליכער הקדמה. די איבערזעצונג זאל בקרוב ארויסגעגעבען ווערען דורך „מכון למדעי היהדות" אין ווארשא.

[„הכוכב"] עס איז דערשינען דער נומער 32 פון העבראישען קינדער זשורנאל „הכוכב" מיט א אינטערעסאנטען אינהאלט. א טייל פון זשורנאל איז געדרוקט מיט נקודות.

שטיצע פאר פוישע ארבייטסלאזע פערטיילט דער מאגיסטראט

היינט הויבט זיך אן די רעגיסטראציע

(מ) דער אמט פון שטיצע פאר ארבייטסלאזע ביים מאגיסטראט מאכט בעקאנט, אז אנהויבענדיג פון 28 יאנואר ביז 1 פעברואר איינשליסליך, טעגליך פון 8 ביז 7 אווענד, וועט פארקומען די רעגיסטראציע פון די פוישע ארבייטסלאזע, מוז'ן צוועק צו פערטיילען לעבענס-מיטעל און בעהייצונג. צו דער רעגיסטראציע קענען זיך מעלדען פוישע ארבייטסלאזע, וואס האבען לעגיטימאציעס פון ארבייטסלאזען-פאנד, זענען נישט בערעכטיגט צו בעקומען קיין געזעצליכע שטיצע, האבען זיך רעגיסטרירט און ארבייטסלאזען פאנד ביז'ן 27 יאנואר 1929 און האבען ניט קיין שום שטענדיגען הכנסה-קוואל. רעגיסטרירען קען מען זיך אין די ביוראס אויף זשעראמסקא 74, און ראקאמשינער 10,12. מאנטאג דארפען זיך מעלדען צו דער רעגיסטראציע די ארבייטסלאזע, וואס וואוינען אויף די גאסען וואס הויבען זיך אן מיט די אותיות: A B C D E F, דינסטאג G H I K J

דער טאטע שטארבט, די מאמע ווערט משוגע און 3 קינדער זענען אהן א היים

שוידערליכע טראגעדיע אויף גייער'ס מארק

מיט א קורצער צייט צוריק איז געשטארבען דער שניידער פרידמאן פון נאוואזארזשעווסקא 6 און זיין פאמיליע איז נאך זיין טויט געבליבען אהן ברויט. פרוי מלכה פרידמאן האט זיך שטארק גענומען צום הארצען דעם בראך, וואס האט איהר געטראפען. זי איז ארומגעגאנגען א פערצווייפעלטע, א פערצאגטע ביז זי האט בעקומען שגעון-אנפאלען. די ארומיגע שכנים האבען זיך בעמיהט איהר צו העלפען מיט אלעם מעגליכקייט אבער קיין לעבעדיגען זאך איז שווער פיל צו מאכען. חדשים-לאנג האט זי מיט איהר אויסטערלישער אויפפיהרונג אנגעשראקען א ווייטע אימה אויף די קינדער און אויף די ארומיגע מענשען.

מען האט זיך געווענדעט צו דער קהלה נאך הילף אבער לעת עתה האט די ווענדונג גארנישט געווירקט.

פרייטאג איז די אונגליקליכע פרוי מלכה פרידמאן אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע אין „קאכאנובקע". איהרע 2 קינדער וואלגערן זיך אנוצט ארום אהן אהיים.

ווי מיר הערען ווערט איינער פון פרידמאנ'ס יתומים אריינגענומען אין אונטערנעמט „העלענובקע".

טראגישער טויט פון לאדזער יודישען רעזשיסער יוסף בעכער

אנגעגריפען פון א גייסטיגער קראנקהייט ווארפט ער זיך אראפ פון 2. שטאק פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל און פאלט א טויטער אויפ'ן ארט

(—) שבת אין דער פרוה איז אונזער שטאט אויפגעציטערט געווארען פון א שרעקליכען זעלבסטמארד וואס עס איז בעגאנגען אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל דער אין לאדז פאפולערער רעזשיסער פון די ליבהאבער-קרייזען און טעאטער-פירער יוסף בעכער.

זייט עטליכע יאהר האט בעכער געליטען פון א גייסטיגער קראנקהייט און געפיהרט זעהר א קלאגליך לעבען. א לאנגע צייט איז ער געלעגען צו בעט אין דער וואוינונג, פון זיין מוטער אויף וואלבארסקא 27. מיט איינגע וואכען צוריק איז בעכער אריינגענומען געווארען אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל. אפילענדיג דערט עטליכע וואכען, האט זיך זיין נערוועזער צושטאנד אנגעהויבען צו פערבעסערען און ער האט שוין אפילו געוואלט אויסגעשריבען ווערען פון שפיטאל, אבער פלוצלונג האט זיך זיין נערוועז-קראנקהייט פערערגערט, ער האט ארויסגעוויזען סמנים פון משוגעת און האט כסדר גערעדט וועגען זעלבסטמארד.

די דאקטוירים האבען ערקלערט, אז בעכער'ן דארף מען איבערשיקען קיין קאכאניבקא און ער האט מאקע אין די נאהענטסטע טעג שוין געזאלט אהין איבערגעשיקט ווערען. אבער דא איז געשעהן דאס אומגליק. שבת אינדערפרוה האט בעכער געמאכט דעם אנשטעל אז ער שלאפט און אזוי ארום אפגעוועגרעט די אויפמערקזאמקייט פון'ם וועכטער. 7 פרוה בעת די דאקטוירים האבען אין זאל אונטערזוכט די קראנקע, איז בעכער פלוצלונג און די אונטער-וועש ארויסגעשפרונגען פון בעט און גיך ארויסגעלאפען און קארידאר. די דאקטוירים און וועכטער האבען זיך געלאזען לויפען נאך איהם, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. בעכער האט זיך ארויסבעווענגען אונבער דעם אנלעהן פון די טרעפען אויפ'ן צווייטען שטאק און מיט'ן קאפ-אראפ אראפגעפאלען אויף דער שטיינערנער פאדלאגע פון פארטער. דער אומגליקליכער האט ארויסגעלאזען א מורא'דיג געשריי פון ווייטיג אויף זיך אנגעהויבען צוויפלויפען די פלעגער און קראנקע, וואס האבען דערזעהן דאס ערשוטערענדע בילד. בעכער איז געלעגען מיט א צעשמעטערטען קאפ און א טייך בלוט. די גיכע מעדיצינישע הילף האט שוין נישט געהאט קיין פעולה. און עטליכע שעה איז בעכער אויסגעגאנגען און שרעקליכע ליידען.

אזוי האט טראגיש פערענדיגט זיין לעבען דער 30 יעהריגער יוסף בעכער, דער פעהיגער רעזשיסער און אקטיאר בעכער האט געענדיגט א האנדעלס-שול און לאדז און די דראמאטישע שול און ווארשע. האט געקענט 7 שפראכען און האט פערמאגט א סך ערודיציע. בעזונדערס אויפ'ן געביט פון טעאטער-קונסט.

ער האט אנגעפיהרט מיט צעהנדליגער דראמאטישע קרייזען, איז געווען דער רעזשיסער פון „יאב", פון דער סטודיע ביים „פאלקס-הויז", געווען דער לעהרער פון די ארטיסטען, וואס שפילען אצט אין „ארדט". די „ווילנער טרופע" האט איהם בשעתו איינגעלאדען מיטצוארבייטען אין דער טרופע, אבער צוליב פערשידענע כבוד האט ער זיך דערפון אפגעזאגט. בעכער איז געווען זעהר פאפולער און געאכט אין די יודישע ארבייטער-קרייזען פון לאדז און דער פראווינץ און זיין טראגישע טויט האט ארויסגערופען א גרויסען טרויער צווישען זיינע צאהל פריינד, פערעהרער און פארטיי-חברים. דער פערשטארבענער איז געווען א חבר פון די רעכטע „פועלי ציון" און א ווייטע צייט ענטוויקעלט א לעבהאפטע פארטיי-טעטיגקייט.

מיט'ן טויט פון יוסף בעכער אוועק פון דער וועלט איינער פון די אויסגעצייכנטסטע פיגורען פון דער לאדזשער יודישער ארבייטער-אומגעבונג.

ענטדעקט געשמוגעלטען טאבאק.

(וו) פאליציי האט נעכטען געמאכט א רעוויזיע אין שוויאנטשאק'ס וואוינונג אין זגערזש, בעת וועלכער מען האט ביי איהם געפונען א גרעסערע צאהל קילא טאבאק און 1000 פאפיראסען. שוויאנטשאק איז ארעסטירט געווארען.

א שוידערליכע געשיכטע פון א מלחמה-יתומה

וואס איז פערגוואלטיגט געווארען דורך איהר ברויט-געבער

דיין-תורה צווישען דעם קריסט און דעם קרבן

(ג) צום לאדזער ראבינאט איז די טעג געקומען א ווארשאווער קריסטליכער סוחר וו. פון נאוואליפיע גאס. ער האט זיך מיט פערנויגט פאר'ן רב און איהם דערצעהלט אזא מעשה:

— איך פיהל א ליבשאפט צו יודען. איך בין א פוש-סוחר און לעב כמעט אויסשליסליך פון יודען. אז א יוד קומט אריין און מיין וואוינונג, ווייסט ער גארנישט, אז ביי מיר איז א קריסטליך הויז. דאס האט מיר בעוואויגען מיט א לאנגע צייט צוריק צוהאלטען יודישע דינסט-מיידלעך. צוליב זייער געשמאקען קאכען קען מיין פאמיליע זיך שוין ניט אפזאגען פון א יודיש משרת.

מיט 5 חדשים צוריק — דערצעהלט ווייטער דער קריסט — האט ער ווידער צוגענומען א געוויסע מאריאנא צ. איך און מיין פרוי זענען פון איהר געווען שטארק צופרידען. נאר פלוצלינג איז מיר דאס גוטע מיידעל פערשוואונדען געווארען. און אז א משרת ווערט נעלם, קוקט מען פערשטעהט זיך, און די שופלעדער אריין. איך האב מאקע פעסטגעשטעלט, אז מיר פעהלט צירהונג פאר 130.000 זל. און ווארשא האט פאלוצים דאס מיידעל נישט געפונען. איך האב שוין אויפגעגעבען די האפנונג דאס מיידעל צו געפינען און דאס געלד אפצוזעהען. זייענדיג דא און לאדז, און גע- [illegible] פלוצלונג געזעהן אויף דער גאס די פערשוואונדענע [illegible] זי זעהט אויס צו זיין אנ'אנשטענדיג קונד, דערנבער ווילט איך זי נים ארעסטירען און „תפיסה".

— האט דער גוי געזאגט, אנווייזענדיג, אז ער האט פעסטגעשטעלט וואו זי געפינט זיך. „דערנבער בעט איך דעם „פאן ראבין", ער זאל אזוי גוט זיין שיקען נאך איהר, כדי מיט איהר צו האלטען דא א משפט.

דער מורה-הוראה האט גענומען די אדרעס און געשיקט נאך מאריאנא צ. זי איז ווירקליך באלד געקומען און מיט דערשרעקונג געזעהן אין בית-דין-שטוב איהר געוועזענעם בעל-הבית.

דער רב האט זי געפרעגט וואס זי מענה'ט אויף וו.'ס פרעטענזיע צו איהר. זי האט זיך מודה געווען און צוגעכען א בוסעל בוזשומעריע. „דאס איז מיר אבער געקומען".

— ס'מיינטש, ווי אזוי איז עס דיר געקומען?

מאריאנא, געגוי'ער מרים האט זיך פונאנדערגעוויינט און זוגלענדיג דעם קריסט, האט זי מיט מאראסגעלאזענע אויגען דערצעהלט, אז זי איז אנ'עלענד מיידעל פון קאליש, איהרע עלטערען זענען און דער מלחמה געשטארבען פון גלות און זי האט זיך ארומגעוואלגערט שוצלאז. ווען זי האט פאר-א-יאהרען בעקומען ארבייט ביי דעם קריסט וו., האט זי געהאט א פונה זיך אויסצובעהאלטען פון יודישע קינדער, בכן זי איז א דינסט. נאך אהער איז געשעהן א גרויס אומגליק ביי דעם גוי. ער האט זיך צו איהר געטשעפעט און געמאכט שענדליכע פארשלאגען. זי האט איהם כסדר אפגעשטויסען פון זיך און געדראהט צו פערלאזען זיין הויז. און א געוויסען טאג האט וו. פלוצים ארויסגעשיקט פון ווארשא זיין פרוי און קינדער און דערמיט א פנים, פערבונדען זיין גרויזאמען פלאן זי צו פערגוואלטיגען. דאס מיידעל האט זיך געפונען און דער קלעם... בלייבענדיג פערצווייפעלט האט זי געפראכט צו געהן מעלדען דער פאליציי. די קאנסעקווענצען דערפון — א פאר יאהר תפיסה פאר'ן קריסט — האבען איהר געשראקען און זי האט בעשלאסען זיך צו העלפען „צום לעבען". זי האט צוגענומען אביסעלע בוזשומעריע און איז אוועק און דער וועלטארטען. פאר דעם געלד, וואס זי האט גענומען פאר דער בוזשומעריע, האט זי זיך איינגעארדענט און בעקומען א מאן, מיט וועלכען זי לעבט בשלום.

אויסהערענדיג די געשיכטע, האט דער ראבינאט ערקלערט, אז ער קען נישט זיין קיין פוסק אונבער אזא בוטערן עניין-צווישען א קריסט און א יודיש קונד. — ביידע זענען זיי אוועק.

לאדזער יודישער קאמער-טעאטער „ארדט"

ליטערט: מ. בראדערזאן.

היינט מאנטאג

1 פארשטעלונג

אנהויב 9.30 אוונט

פון 5-טען (XII) פראגראם א. ב.

מאסקאראד

1) פראלאג
2) דער דיבוק
3) כשוף
4) שאלות און תשובות
5) דער וואלד-גזלן
6) שרעטעלעך
7) א מויד א צימעס
8) א קרבן פון קארנאוואל
9) ווייסער מאסקאראד

טעקסטען פון שלום-עליכם, מ. בראדדערזאן און י. אבערזשאנעק. מוזיק-קאמפ.: דוד בייגעלמאן.

צי ווערען דורכגעפיהרט די פונקטען פונ'ם נאר-וואס געשלאסענעם טעקסטיל-אפמאך?

בנוגע די טעקסטיל-דעקונג אין דער מאנופאקטור-בראנזשע, איז פארלויפיג נישט פארהאן קיין שום ענדערונג, אין האנדעל אין לאדז ווערט געגעבען סחורה ווייטער אויף 7 ביז 8 מאנאטען.

די מאנופאקטור-פאבריקאנטען, וועלכע האבען זיך אונטערגעשריבען אויף דעם קארטעל-אפמאך, וועלען איינפיהרען קורצערע טערמינען, קענען נאך נישט דורכפיהרען זייערע בעשלוסען וועגען קרעדיט, ווי קענען נישט דורכקומען צווישען זיך און איינגע ווייכטיגערע פראגען.

די גרעסטע שוועריגקייט-פראגע איז דאס פערקלענערען די פראדוקציע. איינס פון די גרעסטע סיבות פון דער איצטיגער קאנקורענץ אין דער מאנופאקטור-בראנזשע איז דאס, וואס די גרויסע פאבריקען ארבייטען אוים צופיל סחורות. עס הערשט א גרויסע איבערפראדוקציע. כדי געזונדער צו מאכען דעם מאנופאקטור-האנדעל, האבען א טייל פאבריקאנטען פראיעקטירט דאס מען זאל אפשאפען אינגאנצען אין שולט ארבייטער. וועגען דעם האט מען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג כדי דאס זאל אפיציעל דורכגעפיהרט ווערען. אבער די רעגירונג איז דערויף נישט מסכים, ווייל דאס וועט שטארק פערגרעסערען די צאהל ארבייטסלאזע. א חוץ דעם ווילען דערויף נישט מסכים זיין אייניגע פון די גרויסע פאבריקען. די דאזיגע גרויסע פאבריקען ווי „ווידזעווער" און אנדערע טענה'ן, אז זיי דארפען נישט אויף אזוי פיל פערקלענערען די פאברוקאציע, ווייל זייער סחורה ווערט א סך געפאדערט, זיי האבען נישט אזא גרויסע איבערפראדוקציע. די דאזיגע פאבריקאנטען פאדערען, אז די רעדוקציע פון דער ארבייט זאל יעדער מאכען אין דער פראפארציע ווי ער האט א איבערפראדוקציע, נישט גלייך פאר אלעמען. עס איז א ספק צי מען וועט וועגען דעם קענען אזוי שנעל קומען צו א הסכם. צוליב דעם קענען אויך נישט דורכגעפיהרט ווערען די איבעריגע פונקטען פון קארטעל-אפמאך.

ווען איהר געהט אריבער די גאס,

קוקט מיט אפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אנ'אייביגער קאליקע, אדער גאר געפינען דעם טויט.

היט זיך, מען זאל אייך נישט איבערפאהרען!

בריף אין רעדאקציע

חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

ערלויבט מיר אפצודרוקען אין אייער חשוב'ער צייטונג פאלגענדע ערקלערונג:

דער לוסטיגער פעסימיסט ערלויבט זיך אהן מיין וויסען און הסכמה צו דרוקען סיסטעמאטיש אין דער הומאריסטישער אפטיילונג פון „היינט" „כל-בו'ניק" מיינע לידער, וועלכע כ'האב פריהער געדרוקט אין „לאדזער טאגעבלאט".

דאס, וואס דער לוסטיגער האט זיך ערלויבט היינטיגען רייטאג, געהט שוין אונבער אלע גרענעץ. ער האט גענומען מיין לידעל „קארנאוואל", וואס איז געווען געדרוקט און נומער 3 „לאדזער טאגעבלאט" פון היינטיגען יאהר און דערביי האט ער נישט נאר אראפגענומען מיין אונטערשריפט, נאר אויך אריינגעשטעלט א סטראפע, און וועלכער ער בעליידיגט מיך פערזענליך אויף א חוצפה'דיגען אופן:

איך גיב באזבער דעם אונגעהערטען פאקט צו דער עפענטליכקייט און זאל זי קוואליפיצירען די האנדלונג פון „לוסטיגען פעסימיסט"...

מיט דרך ארץ

נראה קאלי (פ. הערמאן)

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע זאל — נארוטאוויטש 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ

מיט'ן אנטייל פון די ליבלינגס-ארטיסטען באריסאווא, ראבינאוויטש און די בעקאנטע פרימאדאנא נאדיא קארעני

כדי צו געבען די מעגליכקייט די פילע הונדערטער מענשען, וואס האבען נישט בעקומען קיין בילעטען אויף די הערליכע אויפפיהרונג פון גרויסען מייסטערווערק פון בעוואוסטען שרייבער ש. אנסקי

נאך 33 מאל! ווערט געשפילט נאך 33 מאל!

צו פאפולערע פרייזען פון 1 ביז 2.50

היינט מאנטאג, דעם 28-טען, דינסטאג, דעם 29-טען, מיטוואך, דעם 30-טען 9 אין אוונט

דער דיבוק

מיסטישע לעגענדע פון ש. אנסקי אויפגעפיהרט לויט דער קאנצעפציע פון דוד הערמאן דורך ד. האמבורגער.

אין אלע פיעסען נעמען אנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמיניסט.—מ. ארנוואלד. מוזיקאלישע לייט.: ל. זעלמאן.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער פילהארמאניע.

אנאנס!! אין פארבערייטונג די הערליכע שיינע אפערעטע אנאנס!!

„דער גאלדענער סאלדאט", „די דריי כלות"

אברהם מאפו און דער קאטוילישער גלח

(דערצעהלט פון א יוד א זקן פון מאפוס דור).

אב־הם מ־פו איז געווען דער ערש־טער, וואס האט בעקומען א ערלויבניש פון רוסישען בילדונגס-מיניסטער צו עפע־נען אין יאהר 1848 א רעגירונגס-שול פאר יודישע קינדער אין קאוונע און איז במילא געווען א שטענדיגער בעזוכער אין הויז פון קאוונער גובערנאטאר. ביים גובערנאטאר האט ער זיך ב־קענט מיט א קאטוילישען גלח, וועלכער פלעגט אפט מיט איהם פיהרען ויכוחים וועגען רעליגיע.

— די יודען זענען א פאלק, וואס דינט דעם גאלדענעם קאלב — האט איינמאל געזאגט דער גלח צו מאפו, — פאר געלט וועלען יודען אפילו מחלל שבת זיין.

— גלויב מיר, הייליגער פאטער — האט מאפו געזאגט — אז איך בין נעהנ־טער צו יודען, ווי דו און איך קען מעהר ווי דו זייער כאראקטער און מהות. דעריבער קען איך דיר פערזיכערן, אז איבער געלט וועט קיין קאזער יוד נישט פערשוועכען זיין שבת.

— אויב אזוי — זאגט דער גלח — זיי זיך מטריח און קום דעם קומענדיגען שבת נאכמיטאג א זייגער 2 אויפ'ן ווינ־קעל גרויסע און שלאסבערג-גאס (איצט הייסט עס מאפו-גאס). דארטען וועל איך דיר פאקטיש בעווייזען, ווי אזוי יודען זענען מחלל שבת פאר געלט.

דאס איז געווען ווינטער, דעם שבת'־דיגען טאג האט געהערשט א שטארקער קעלט און פראסט, אבער אויך א קלא־רער, זוניקער טאג.

פונקט 3 א זייגער האט מען צווישען פיל יודען, וואס זענען ארויס אויפ'ן גאס שפאצירען שבת נאכ'ן טשאלענט, געזעהען איינעם א יודען אנגעטון אין א ווארימען פוטער און א פעלענער הי־טעל, אריבערגעצויגען איבער די אויערן. דאס איז געווען מאפו אליין בכבודו ובעצמו. ער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק און האט עפעס ווי אויף וואס געווארט. אלע שפאצירענדיגע אויפ'ן גאס, האבען געקוקט אויף איהם מיט נייגעריגקייט. זיי האבען נישט געקענט פערשטעהן, וואס האט מאפו'ן געבראכט אהער אויף דער גאס אין אזא גרויסען פראסט.

פלוצלונג האבען זיי דערזעהן, ווי עס דערנענטערט זיך און עס איז צוגעפארען דעם גלח'ס קאראטע. אין דער דאזיגער צייט זענען געגאנגען אויפ'ן גאס חדר־יונגלעך, וואס זענען אקארשט פריי גע־ווארען פון חדר נאכ'ן „ברכי נפשי".

אז דער גלח האט דערזעהן די יודי־שע יונגלעך, האט ער ארויסגענומען פון קעשענע א פולען הויפען מיט זילבערנע קליינגעלט און אנגעהויבען ווארפען פאר זיי אויף דער גאס אויפ'ן שניי. די קינ־דער האבען געקוקט מיט וואונדער אויף די בליציגע מטבעות אויפ'ן שניי. דער יצר הרע האט אנגעהויבען זיי אויפריי־צען, און איירעדען. אבער נישט איינער פון זיי האט זיך נישט געדרייסט זיך צוצוריהרען צו די מטבעות. נאר צוויי עזות פנים'ער און דרייסטערע האבען געפרובט בעהאלטען מיט זייערע פיס די מטבעות אונטער'ן שניי, כדי נאך הבדלה עס צוצונעמען. אבער אפילו די דאזיגע עזות-פנים'ער האבען זיך אויך נישט צוגעריהרט צו זיי.

און אזוי זענען די ארימע מטבעות געבליבען ליגען אויפ'ן שניי, ווי פער־לאזענע יתומים... דער גלח האט דער־פיהלט דעם נצחון פון מאפו און פון די יונגע יודעלעך, און גאר אן ווערטער גענומען אפשייד פון דיכטער און איז באלד נישט געווארען...

ק.

חתן שטארבט א טאג פאר דער חופה, בעגעהט די כלה זעלבסטמארד.

ח י ל נ ע. — א טראגישע דראמע האט זיך די טעג אפגעשפילט אין דאק־שאני (א שטעטל אין ווילנער קרייז) אין דער משפחה פון דארטיגען איינוואוינער מארדוכאוויטש.

מארדוכאוויטש'עס 18-יעהריגע בת־יחידה ליזע איז געווען א כלה פאר'ן דארטיגען איינוואוינער ליובטשיק, א סוחר'ישען יונגערמאן. דער שידוך איז געווען א גוטער און די משפחה מארדו־כאוויטש איז געווען פון איהם זעהר צופרידען. די כלה האט אויך ליב גע־האט דעם חתן און קיינער האט זיך נישט געריכט, עס זאל זיך ענדיגען אזוי טרויעריג.

אויף איינעם פון די נאהענטסטע טעג איז שוין מיט מזל בעשטימט געווען די חתונה. מען האט געמאכט אלע נויטיגע הכנות און מען האט שוין געווארט אויפ'ן חתונה-טאג.

די נאכט פאר דער חתונה האט דער חתן ליובטשיק שטארק אנגעהייצט זיין אויווען און פערמאכט דעם קוימען פריה־צייטיג אזוי, אז אין צימער איז געווא־רען א טשאד. אויף מארגען פריה איז ער מעהר נישט אויפגעשטאנען...

די ידיעה וועגען דעם טראגישען טויט פון חתן א טאג פאר דער חתונה האט געמאכט אין שטעטעל א דערשיטערנדען איינדרוק. ווען די כלה איז געוואויר געווארען וועגען אומגליק, איז זי ארומ־געפאלען אין א היסטעריקע, ווען זי האט זיך א ביסעל בערוהיגט האט זי געבע־טען די שטוביגע, מען זאל איהר איבער־לאזען אין צימער איינע אליין, ווען די שטוביגע האבען איהר געפאלגט, האט זי אויסגעטרונקען א דאזע עסיג־עסענס.

אויף איהרע קרעכצען זענען אנגע־לאפען די שטוביגע, מען האט גערופען א פעלדשער, וועלכער האט אנגענומען די נויטיגע מיטלען אפצוראטעווען די פער'יאוש'טע זעלבסטמערדערין, וועלכע האט געהאלטען אין איין טענה'ען:

— לאזט מיר רוהיג שטארבען.

געשטארבען א וויכטיגער אנטיילנעמער פון דער דרייפוס-פערטיידיגונג-קאמפאניע

פ א ר י ז (יט"א) דא איז געשטאר־בען דער פראנצויזישער זשורנאליסט ערנעסט וואגמאן. דער פערשטארבענער איז געווען רעדאקטאר פון דער „צייט" שריפט „פאראר" וועלכע האט געשפילט א וויכטיגע ראל אין דער קאמפאניע ארום דעם בערוהמטען דרייפוס-פראצעס

Palace
פיעטריקאווער 108

היינט די לאנג-ערווארטעטע פרעמיערע! „איך בערויש פון פאריז"
כלו פון סעזאן! — גרויסער היינטיגער סופער-פילם! א. ט.

LIL DAGOVER

מעכטיגע טראגעדיע פון דער היינטיגער פרוי. אין די הויפט ראלען די קעניגין פון עקראן

לויט דער ערצעהלונג פון גערמען-אקערמאן „LA SARRAZINE"

— סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון מ. לידויער. — אנהייב פון די סעאנסען 4 נאכם. שבת און זונטאג 12 מיטאג. אויפ'ן ערשטען סעאנס אלע פלעצער 50 גר. און 1 זל. —— דער זאל איז בעהייצט.

„דבר"
עתון פועלי ארץ-ישראל
Tel-Aviv P. O. B. 199 תל-אביב ת. ד. 199
חשבון מיוחד בפ. ק. א. 191,300.
דמי החתימה לחודש — 10 זהוב.
לחברי תנועת א"י העובדת על כל אגפיה ומפלגותיה — ל„תרבות" — מוריה ומוסדותיה — הנחה. פרטים במרכזים.

לעטשניצע
17 זגערסקא 17, טעל. 16-89.
אלערליי קראנקהייטען ווערען עמפאנגען דורך ספעציאליסטען דאקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אווענד.—מאסאזש, עלעקטריזאציע, פאקען-שטעלען, קינסטליכע בערגזאן-באטראלונגען אימפיגונגען געגען שקאר לאטינע.

א שעהנעם, קאראקולע־נעם דאמען - פאלטען בין איך געצוואונגען בי־ליג צו פערקויפען. האטעל „סאוואי" צימער 214

רייטאג איז פערלוירען געווארען א יריעה פון א ספר-תורה. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען מקיים צו זיין די מצוה פון השבת אבדה און אבצוגעבען די יריעה צו מאטעל סופר ווסכאדניא 18. 477

לעטשניצע
„זדראוויע"
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
נאוו אמיעסקא 3 (ווסכאדניא 13) טעל. 37-76

אוראלאג נירען און בלאז קראנק.	ד"ר פיקעלני	2—12½, זונט 2-12½
נערוועז-קראנק.	ד"ר וויינבערג	2—1 זונטאג 1—2
קינדער-קראנק.	ד"ר א. סאלאווייציק ד"ר מאשלאנקא ד"ר פרעכנער	1—11.30, 5-3, ז. 12-2 2.30-1.30, ז. 12-10.30 6.30-5, ז. 10.30-9
אינערליכע קראנקהייטען	ד"ר גיביאנסקי ד"ר מאץ ד"ר לעווי	11½-9½, ז. 11-9½ 2-12, זונטאג 1-12 4.30-3, זונטאג 2-1
	ד"ר הענריק קאז	12-11 זונטאג 12-11
כירורג. קראנק.	ד"ר פערלים	1.30-12, 7.30-6, זונטאג 12—1.30
פרויען-קראנק.	ד"ר אראנסאן ד"ר אייגערוואַ	1-12, זונטאג 1-12 דינסט. 1.30—3.30, 10.30-11½ חוץ פרייט
נאז, האלז און אויערן-קר.	ד"ר ראבינאוויטש	2-1, זונט. 1—2
הויט- און גע-שלעכטס-קר.	ד"ר פאלק ד"ר זאנענבערג	3.30-4.30, זונט. 9-10 11-12, זונטאג 11-12
אויגען-קר.	ד"ר כראוש	3-4, זונט. 10½-11½
ערצטל. אנאליז.	ד"ר מ. קאצעו	
רענטגענאלאג	ד"ר קוילסאו	3—7

וויזיטען אין שטאט. אלערליי אנאליזען און אונטערזוכונגען, רענטגענאגראפיע, זעמטל. דורכשטראלונגען (קווארץ - לאמפען) פאקען שטעלען.
די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 8.30 פריה ביז 7.30 אוו. זונטאג פון 8.30 פריה ביז 2 נאכם.

Zjednoczone Fabryki Maszyn
„UNIA"
dawn. C. Flumwe i Syn, Sp. Akc
BYDGOSZCZ-WILCZAK

די עלטסטע אין פוילען ספעציאל-פאבריק
ליפערט אלס ספעציאליטעט:
קאמפלעטע איינריכטונגען פאר האלץ - בעארבייטונג.
מיט אנפראגען זיך צו ווענדען צום פערטרעטער:
Inżynier G. Praszkier,
Łódź, Zawadzka 16a
Tel. 27-52.

ס'איז איבריג צו קומען קיין לאדז.
מיר ערלעדיגען אלע ענינים אין די געריכטען און אין אלע מלוכה'שע, קאמונאלע און פריוואטע אינסטיטוציעס אין לאדז, ווארשא, אין גאנץ פוילען און אין אויסלאנד.
אינטערווענציעס, פערטרעטונגען, בעראטונגען, אינפארמאציעס, פערמיטלונגען אין אלערליי ענינים, וועקסעל-אינקאסא, קלויזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויסקונפטע און בעאבאכטונגען.
ביורא „ארגוס", לאדז, זאכאדניא 36
מיר זוכען קארעספאנדענטען און מיטארבייטער
:—: אין אלע שטעט און שטעטלעך. :—:

מעכאנישע שלאסעריי און שווייסעריי
J. Reder, Łódź
Konstantynowska 11 róg Zachodniej
כ'נעהם אן פערשידענע מאשינען-רעפעראטורען ווי צופאסען פער־שידענע מאשינען-טיילען. און אויסאגענישע שווייסונגען.
שנעל און ביליג!
בעם.: פריוואט-וואוינונג גדאנסקא 20 וו. 17.

היפאטעקען-געלד
צו ביליגע ציגזען
אויף בערלינער הייזער
בעזארגט שנעל
Ch. Regenwetter
Berlin S. 14, Stallschreiber № 33
Telefon: Dönhoff 4337.

לעזט און אבאנירט
- דאס -
לאדזער טאגעבלאט

1929 האנדעלס-פאטענטען 1929
בעזארגט דאס
ביורא „ארגוס" זאכאדניא 36.

א בשורה
פאר אלע ליבהאבער פון יודישע פאלקס-מעשיות.
די טויזענדער לעזער פון בעליבטען פאלקס-שריי־בער אלתר אייזענשלאס געדענקען נאך געוויס זיינע הארציגע ערצעהלונגען פון אלטע יודישע לעבען, מעשיות, פון וועלכע עס זעה זיך ארויס די גוטע יודישע מידות ווי: רחמנות, סבלנות און יושר. אט די אלע בחנ'טע יודישע פאלקס-מעשיות און לעגענדעס זענען שוין ער־שינען, יעדעס מיטזאך ערשיינט א ביכעל פון 16 זייטען מיט 3 אדער 4 מעשיות. יעדעס ביכעל קאסט 25 גראשען. אויב איהר ווילט האבען א אמוזירענדען שבת, קויפט אזא ביכעל. יעדעס ביכעל איז א גאנצע זאך פאר זיך. אויב איהר וועט זאמלען די ביכלעך וועט איהר דער־נאך האבען א שעהן גרויס בוך. אינפארמאציעס צו בעקומען ביי די יורשים פון א. אייזענשלאס לאדז. פאלודניאווא 11, הויף לינקס דריטער שטאק אין דער ליי-ביבליאטעק. 425

עלטסטער פעלדשער
מ. ראזענצווייג
ווסכאדניא 29
טעל. 79-48.

פערלאג ב. קלעצקין, ווארשא
נאר וואס דערשינען 3 ביכער וועגען יודישע טעאטער פון זלמן זילבערצווייג
„הינטער'ן פארהאנג"
207 זייטען.
„טעאטער זכרונות"
197 זייטען.
„וואס דער יוד. אקטיאר דערצעהלט"
72 זייטען
פרייז פון אלע 3 ביכער 10 גילדען. אין לאדז, צו בעקומען ביי בערלינסקי אלט-שטאט 12

ערשט ערשינען
אין פערלאג פ. גראבארד, ווארשא
„אמאל און היינט"
אמלונג היסטארישע ערצעהלונגען און בעארבייטונגען פון נאהענטען און ווייטערן עבר.
פון חיים לעווין.
הויפט-פערקויף
קאאפעראטיוו „ביכער" און „קולטור-ליגע" ווארשא

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.
Od wtorku 22-go stycznia do poniedziałku dnia 28 go stycznia 192[illegible] r. wł.
Dla dorosłych i młodzieży:
NAPOLEON
Obraz historyczny w 12-tu aktach
Scenarjusz i reżys.: Ahel Gance.
Następny program:
CY CHEPLINA

א פאדרעטשנע (שניידערין)
קען זיך זיפארט מעלדען אין סוויטער-פאבריק פון ה. טענענבוים פיעטריקאווער 38 טעל. 79-60.

„אל תתהלל ביום מחר"
כי לא תדע מה ילד יום.
לייג נישט אפ אויף מארגען
נאר אז דו דארפסט ערלעדיגען סאנדזאווע ואכפן זאלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא
17 פיעטריקאווער 17
52 זאכאדניא 52
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאפט געשריבען לויט'ן אויסטאוו אלערליי בישעס, קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, ציווילע און קארנע אפאזיציעס, אדמינאלאניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אורזשאנד-ראזיעמטשי, ווען מען פעסער אין קאמיסאריאט-רושאנדו און אלע פאליצי־בעצירקען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דא־ראווינעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבער־זעצונגען אין אלע שפראכען. ספעציאליסט אין שותפות-אקטען.
מיט אכטונג
י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט

וויכטיג פאר דאמען!
מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטסטע היטע איבער־ארבייטע איך אויף גאנצליך ניי. געדענקט די אדרעס:
פאר נאר 2.50 זל.
3 זאוואדזקא 23
אין הויף. 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער.
„TOLA"

פריינומעראנטען-פרייזן: פאר א חודש אין פוילען 6 זל. אין פראווינץ און אויסלאנד 20 פראנק, אין אמעריקע לענדער—1.25 דאלאר.
אנאנסען-פרייזן: פאר 1 פילימעטער-שורה פאריך טעקסט 16 גראשען, פערמעטר 24, אין טעקסט 40 גר., פערמעטר 60 גר., נאכ'ן 15 גר., פערמעטר 10 גר.
פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שטעט—ביז 50% טייערער. פון די פראווינצן ווערט נישט ארויסגעגעבען קיין ראבאט

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 18.